# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומ. 12 (העפט 374) דריי און צוואַנציקסטער יאָר דעצעמבער 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :


| | | |
|---|---|---|
| דער חנוכה סימבאָל, נס גדול היה שם... אַרנאָלד צווייג׳ן (צו זיין 75׳סטן געבורטס־טאָג) | *** | 1 |
| טויט איז קיין נס, פון דרויסן, פּאָסט מאָרטעם | יוסף לעפּטוויטש | 4 |
| יוסף לעפּטוויטש, דער שרייבער און דיכטער, א בן־שבעים (עסיי) | יהודה ביעטש | 5 |
| יוסף לעפּטוויטש צו זיין יובל השבעים (א לאַטקע מכל מיני מטעמים—ליד) | שמואל ווהייט | 7 |
| דערוואַרטונג (ליד) | יהושע ריווין | 7 |
| אַ יאָר הונדערט (ליד) | חיים וואַלדמאַן | 8 |
| ב״י אן „אסימילאַטאָר״ אויף חנוכה (דערציילונג) | משה בעקערמאַן | 9 |
| אין פעלקער צעטומלטן צייט מאַטיוו (טריפּטיך), א לאָנדאָנער נעפּל (סאָנעטן), סוף כל סוף . . . (פּראָזע) | א. נ. שטענצל | 13 |
| חורבן בית מקדש (ליד) | יצחק ראָזענבערג | 31 |
| ביימער (ליד) | דשזאָויס קילמער | 31 |
| אין בין אלט (ליד) | ש. טענענבוים | 32 |
| אונזער קולטור פראָנט (אַרטיקל) | מ. מינדעל | 32 |
| קולטור ידיעות | | |
| יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס | | |


פריינט פון יידיש לשון

## גראַנדיעזער חנוכה באַל

(טאַנץ, דריידעלעך און לאַטקעס)

שבת, דעם 29׳סטן, דעצעמבער 1962, 7.30. אַדלער־האַל, אדלער סטר. א.1.

אַיינטריט 4 שילינג — בילעטן ביי דער קאַסע

### פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## לאָנדאָנער קולטור ידיעות

ווי אַלע יאָר איז אויך היי־יאָר דער טשיף־ראַביי דר. ישראל בראָדי געווען די צוויי טעג ראש השנה מיט די יידן אין ווייטשעפּל און דער פּרעזידענט פון דער באָרד אוף דעפּ־טיס, סער באַרנעט זשאַנער — דער טאָג פון יום כפור.

דער וואָרט־קאָנצערט פון הערץ גראָס־באַרד, איינגעאָרדנט פונם ייוואָ, איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פאַרן יידישן קינסטלערישן וואָרט. זיין לייענען און אינטערפּרעטירן אונזערע גרויסע קלאַסיקער און אונזערע מאָדערנע פּאָעטן האָט ביים לאָנדאָנער יידיש־אינטעליגענטן עולם אַרויסגערופן זכרונות פון די אַלטע גוטע צייטן, און בענקעניש ווידער צוזאַמענצונעמען פרישע כוחות און אָנצוהייבן אויפסניי. אַ גרויסן ישר כוח דעם קינסטלער, וואָס אויף זיין טור איבער אייראָפּע איז ער אָנגעטרעטן דאָ ביי אונז און די פּאָר אַקטיוויסטן ארום ייוואָ.

דער קאָמפּאָזיטער נחום סאַמאַראָף האָט ביי אן אָוונט איינגעאָרדנט פון אַרבעטער רינג, געהאַלטן א וויכטיקן און באַלערנדיקן פאָרטראַג איבער יידישע מוזיק, פון וועלכע די צוהערער האָבן אסך געלערנט און געהאט גרויס הנאה. סילוויאַ סאַמאַראָף האָט באַגלייט ביים קלאַוויר.

שמואל איזבאַן, אויף זיין דורכרייזע איבער לאָנדאָן האָט אָנגעגעבן א גרויס פון אַמעריקאַנער יידישן יישוב ביי די שבת נאָכמיטאָגס, ווו ער איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון י. ביעטש און י. א. ליסקי.

יודל קאָרמאַן וואָס האָט געוויילט איינִיקע טעג אין לאָנדאָן, איז אויפגענומען געוואָרן ביי אַ גלעזל טיי פונם צענטראַל־קאָמיטעט פונם אַרבעטער רינג. ער דערציילט פונם אַקטיוון יידישן קולטור לעבן פון דעם קליינעם יידיש ישוב. ער איז באַגריסט געוואָרן פונם פאָרזיצער א. האלאנד, ס. מינדל א.א. דעם פאָרזיץ האָט געפירט עלעק וואָטערמאַן. י. קאָרמאַן איז אויך אויפגענומען געוואָרן ביים יידיש ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג ווו דער חשובער גאַסט האָט אָפּגעגעבן אַ גרויס פון יידישן ישוב אין פוילן. און איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון מלך שוואַרץ און אייזיק גאָלדבערג א.א.

ביי דער יובל פייערונג לכבוד יוסף לעפּטוויטש׳ס 70׳סטן געבוירן יאָר, אין קאָרע האָטעל, האָבן זיך באַטייליקט מיט באַגריסונגען יואל צאַנק, מר שאַפּסטלי, דר. לעווענבערג, געראָלד מילער, שמואל איזבאַן, יודל קאָרמאַן און דר. יעקב מייטליס. דעם פאָרזיץ האט געפירט חבר יעזערסקי דער באַנקעט איז געווען איינגעאָרדנט פון דער קולטור־געזעלשאַפט. די אויסגאַבע לכבוד דעם בעל יובל מיט באַגריסונגען רעדאַקטירט — י. ח. קלינגער.

האַרי אַריאל איז אויפגעטרעטן ביי די שבת נאָכמיטאָגס מיט רעציטאַציעס און לידער, ווו ער האָט שטאַרק אייסגענומען

הרב צימערמאַן, דער ראש פונם ועד־הרבנים, וועלכער איז צוריקגעקומען פון אַ נסיעה פון ישראל, האט ביי א מלוה־מלכה איינגעאָרדנט פון בית ציון, דערציילט מיט גרויס באַגייסטערונג פון זיין באַזוך, דעם חשוב רב האָבן באַגריסט הרב פּישער, הרב האַלזשטוק (דיין דר. קראוז און הרב קוצעוויצקי זיינען אויך אָנוועזנדיק געווען), די קאָמיטעט מיטגלידער דער וויצע פּרעזידענט מר. מאַרקס און מר. גייער, דער פּרעזידענט פון דער פעדעריישן משה לעדערמאַן. חזן רעוו קאַצענעלבויגן האָט געזונגען יידישע און העברעאישע לידער דעם פאָרזיץ האָט געפירט דער פּרעזידענט פון בית ציון, מר. ראַבינאָוויטש.

אין הויז פון עלעק וואָטערמאַן איז פאַר די קינסטלער סאַמאַראָף׳ס אין פאַרן מיטראַראַקטאָר פון דער וואַרשעווער פאָלקסטימע, יודל קאָרמאַן, איז געגעבן געוואָרן א קבלת־פּנים־באַנקעט.

דאָס אַקטיאָר פּאָרל, סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד, צוריקומענדיקן פון אַמעריקע האָבן זיי געהאַט דעם ערשטן אויפטריט ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאגס ווו זיי האָבן שטאַרק אויסגענומען.

די מאָראַווסקיס, אויף זייער ווייַלן אין לאָנדאָן האָבן געגעבן אַ געלונגען קאָנצערט.

בעלא ווײַנער, האָט גערעדט ביי די שבת נאָכמיטאָגס, איבער „סאָוויעטיש היימלאַנד״.

אין סטעפּני אינסטיטוט האָט קאַנצלער איזדיט ראַמסי געהאַלטן א לעקציע איבער יידישקייט אין ענגלאַנד אין אָוונט האָט זיך אויך באַטייליקט מר גדליה פונם יידישן שעלטער.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומ 12 (העפט 374) דריי און צוואַנציקסטער יאָר דעצעמבער 1962 לאָנדאָן

## דער חנוכה־סימבאל

דער סימבאל פון אסימילאציע איז דאס חזיר, די אויסגעפרעסענע בהמה־חיה, מיט גרויסן הענגענדיקן בויך, קאַטשענדיק און וואַקלדיק אויף כשרע פיס־לעך. דער סימבאל פון אסימילאציע איז דאס ליגנדיקע חזיר אין וואַרעמען מיסט הויך אויף דער קופע גנאי, שנאָרכנדיק מיט דער נאָז־שנויף ביז איבער די אויערן, זשגאַיענדיק און גאַווערנדיק איבערן גאַנצן פיסק — זיינע אייגענע חזירימלעך אויפפרעסנדיק.

אז מ׳מקייעט אבער איבער, אז מען נעמט עס אויף אין זיך, אז מ׳איז מטעים, מען פאַרדייעט, — אז מ׳איז א מעלה־גירה! — ווערט אַלץ כשר וואס מען נעמט אויף אין זיך, עס ווערט פלייש פון אייגענעם פלייש, בלוט פון אייגענעם בלוט — עס ווערט וואַרעם אויסגעקאָכט אין אייגענעם האַרץ! — דעמלט ווערט מען נישט אַסימילירט, דעמלט א סימילירט מען, מען איז א חי נושא את עצמו. מען נעמט צו, מען קריגט כוחות — א גוף וואָס שטייט אויף אייגענע פיס! און די קינדער זייגט מען אָן מיט וויטערדיקן לעבן, מיט אייביקן לעבן — א שעפע־ריש־צאפלדיק לעבן, וואָס נעמט אַלץ אויף מיט דער מאַמעס מילך.

און אַסימילאַציע איז נישט נאָר אין דער פרעמד, אין דער דיאַספאָרע, אין דער גאס, אין רינשטאָק — אויפן אייגענעם פריצישן הויף, אין אייגענעם שליאַכ־טיטש „לאנד־גוט״ קאָן דאס חזיר ליגן אין גנאי, זיך וויקן אין דרעק ביז איבער די אויערן.

יא און אז עס איז אויסגעפרעסן דאס חזיר און זאט, די מאָרדע רויט און פאַרפעצט, עס ציט שוין אויס די דינע פיסעלעך, נעמען זוכן די חזירישע אויגעלעך אביסעלע שטערבלעכקייט, אויף א מזבח געברענגט צו ווערן, אויפן אַלטאר באבלעקעצט צו ווערן — —

אסימילאַציע איז נישט נאר גלות, תפוצות! גאנץ ארץ ישראל, דאס הייליקע ירושלים, דער מלך און די סנהדרין, דער כהן גדול אלץ איז שוין חלילה געווען פארלוירן, ווען נישט דאס קליינע הייפעלע אין מודיעין, — חנוכה איז דער סימבאל פון „רבים ביד מעטים, טמאים ביד צדיקים, רשעים ביד טהורים״!

און ווי איז עס אין גלות, אין די תפיצות? אלץ איז שוין אַסימילירט, נישט נאר אונזער גרויס־בורזשואזיע און דער „מעכטיקער״ פראָלעטאַריאט אונזערער, נישט נאר דער „פאטריאָטישער״ זייאיניזם און יהודימשע־רעלידזשן, יעדער חזירישע בויך נעבעך, טוט עס אויף זיין וואַקלדיקן אופן — אז עס רינט שוין אפילו פון דער הדרת־פנימדיקסטער באָרד . . . אלץ דאַכט זיך איז שוין פאַרלוירן, חלילה, אבער דער „מועט המחזיק המרובה״, די יחידים וואס ענטהאַלט



צום סימפאָזיום אין פאַריז איבער יידיש, איינגעאָרדנט פונם ייד־וועלט־קאָנגרעס, זיינען פון לאָנדאָן געפארן: דר. א. שטיינבערג, יוסף לעפטוויטש, מיכאל זילבערבערג, יוסף פרענקל, י. א. גאָלדשמיד, דר. דירינגער, לעסלי באַר און בר כוכבא נאַראָד.

ביי די שבת נאָכמיטאָגס איז א שבת געווען געווידמעט: „65 יאר בונד״. הויפט רעדנער מאָריס מינדל.

ביי אַ מלוה מלכה אין בית־ציון האָט הרב רבי יהושע שפעטמאַן געהאַלטן א רעפעראַט: „פוילישע פאָלקס יידן ווי איך האָב זיי געקענט״. מיט געזאַנג פון יידישע און העברעאישע האָט זיך באַטייליקט חזן רעוו ברוך סמוס.

אין בית־ציון איז געפייערט געוואָרן דער 80סטער געבוירן טאָג פון זייער פרעזידענט מר. מאַרקס. דעם בעל יובל, דעם מלומד און תלמיד חכם, האָט באַגריסט א. ריכטיגער.

ביי דעם יובל־פייערונג צום 70׳סטן געבורטס טאָג פון יוסף לעפטוויטש, האָט אייזיק גאָלדבערג געלייענט א סעריע לידער פון לעפטוויטשן, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען.

אין אַרבעטער־רינג האָט אהרן ראָלין געהאַלטן א לעקציע איבער מאָריס ווינטשעווסקי דעם פאָרזיץ האָט געפירט עלעק וואָטערמאַן.

אין די לעצטע דינסטיקס אין סעמינאר, אין די קאַנאָן באַרנעט סקול האָבן זיך באַטייליקט: יעקב ריכטיגער, ל. ש. קרעדיטאָר און שלמה אויערבאַך.

° ° °

די לערערין פון יידישן גימנאַזיום אין פוילן מאַדאַם טאָפאָווסקאיא ביי איר באַזוך אין לאָנדאָן, איז אויפגעטרעטן מיט רעפעראַטן ביי די שבת נאָכמיטאָג און ביים אַרבעטער־רינג — ווו זי האט שטאַרק אויסגענומען מיט אירע רעדעס.

ביים קאָנצערט אין בית ציון אין דער קאָמערשל ראָד סינאַגאָגע האָט איווא זיידמאַן געזונגען יידישע און העברעאישע לידער מיט וועלכע זי האָט זייער אויסגענומען.

סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד גרייטן צו א וואָרט קאָנצערט קומענדיקן חודש אין קאָנוועי האָל.

דער בענעפיט אין גרענד פאלע טעאַטער פאר דער יידישער שטימע איז געווען א גרויסער דערפאָלג.

ביים אָוונט אין קארע האטעל איינגעאָרדנט פון דער פועלי ציון פאַרן קולטור מיניסטער אבא עבאן האט דר. לעווענבערג באַגריסט דעם חשובן גאסט.

ביי יזכור אָוונט פונם ראַווער־סקערנעוויצער פעראיין איינגעאָרדנט אין קאָרע האָטעל האָבן זיך באַטייליקט רבי סיגאל אליהו פאַלושאַק, א. נ. שטענצל. י. ביעטש האט געפירט דעם פארזיץ.

ביים באזוך פון הערץ גראָסבאַרד אין לאָנדאָן, זיינען לכבוד דעם גרויסן אַרטיסט געווען באנקעטן אין הויז. פון לעסלי באר און אברהם האָלאַנד, ווו עס איז שטאַרק ארומגערעדט געוואָרן וועגן אָננעמען שריט פאר אן אקטיווער יידישער קולטור־טעטיקייט, עס איז צו האָפן, אז צום נייעם יאָר וועלן זיך נעמען באַווייזן די פירות פון די נייע אַקטיוויטעטן.

---

אונזער מיטלייד צו פריינט **ליפע קארן** צום נפטר ווערן פון זיין פאָטער הרב רבי **יהושע קארן** ז״ל, וועלכע איז געקומען צו קבורה פרעסטוויטש.

פריינע **פיניע ראזענבאום**, דער שוואָגער פון יוסף הלל לעווי ע.ה., איז נפטר געוואָרן אונזער מיטלייד צו דער אלמנה און די משפחה.

לשון און לעבן

---

בן־אורי, בערנער סטר., 14, וו.1.

זונטיק, דעם 23׳סטן דעצעמבער — 8 אַ זייגער

**א חנוכה פייערונג**

חזן רעוו **שמואל ראט** צינדן חנוכה־ליכט

זינגען יידישע פאָלקס לידער — **מאיר באגדאנסקי**

ליינען און רעציטירן מאדאם **האט** און **י. ביעטש**

אין זיך די משא, וואָס האַלט אויף די מאַסע, וואָס דערהאַלט זי — אומעטום
אין יעדער געזעלשאַפט און פּאַרטיי געפונען זיי זיך!
חנוכה איז דער יום־טוב פון ליכט, פון „מעלין בקודש ולא מורידין" —
ס'איז דער געראַנגל, פון די איינציקע, פון די יחידים שעפּערישע, אַלץ הייליקע
אין זיך אויפצונעמען און ווייטער אָנצוגיין אַלץ העכער און העכער, פונם
ביסעלע אייגנס אינם געחתימטן קריגעלע די ליכטיקייט לדור־דורות אָנצוצינדן.
חנוכה איז דער יום־טוב פונם שפּילנדיקן קינד, פונם אייביק שעפּערישן נס
גדול היה שם" — עס איז דער סימבאָל פון ליכט, פונם ערשטן שעפּערישן
וואָרט: „יהי אור".

* * *

וועט מען אַמאָל געפינען דאָס קריגל בוימאייל,
געחתמעט מיט גאָטס נאָמען, דעם „אמת"־זיגל,
„כי מעולם ועד העולם אתה אל"?

לעשט אַ ווינט אונזערע ליכטלעך, גייען זיי אויס?
אָדער איז עס דער פאָך פון מלאכים־פליגל,
צאַנקענדיקער פונק צעפלאַקערן זאָל זיך גרויס?

אייגן ביסל לעבן אַ טעם אַרויסהויכן,
לעצטער פונק נישט אויסצאַנקט אין טשאַדעדיק רויכן.

## נס גדול היה שם . . .

אויב גאַנץ ככל הגויים חלילה ווערן,
און אויפ'ס כוח אַלצדינג וואָס פאַרמאָגט, פאַרלאָזן,
די חנוכה ליכטלעך נאָך וואָס נאָך געברויכן,
אין בלאָז — אַלע אַכט מיט איינמאָל אויסגעבלאָזן.

נישט בלויז איינער מקריב זיין דעמלט אַ חזיר,
פאַר כנענישע כהנישע אינטערעסן —
פון אַ שורה אַסירישע געשווירענע בערד,
סלינענדיק טריפן, אַזוי וועלן זיי פרעסן.

די גלאַט־כשרע פּיסלעך און טריפענעם שמאַלץ
נחתדיק וועלן זיך פּרעגלען אין די פאַנען;
סאַברע־כהנימלעך כאַפּנדיק פון די טעפּ,
אין די „בני אלי" זיי וועלן אונז דערמאַנען.

בלויז אין אַ ווינקל וועט די חנה־מאַמע שטיין,
זיך וואַשן אין טרערן, „כ'בין נישט ווערט צו מעלדן":
נס גדול היה שם! און אַנשטאָט 8 ליכטלעך,
6 אָנצינדן — פאַר די קדושים געטאָ־העלדן.



## אַרנאָלד צווייג'ן

צו זיין 75'סטן געבורטס־טאָג

„האתה זה עכר ישראל"
(מלכים א. יח. יז.)

אויפן הר־הכרמל, אַרום מערת־אליהו,
צו פּאַסן אַ באַשלוס, גערדרייט זיך אַרויף און אַראָפּ:
אויב דאָס־אָ אַזוי . . . מיט דיין שאַרפער האַק אליהו,
איך האַק אים איצט אָפּ, מיין אייגענעם, מיין פאַרבענקטן קאָפּ.

מיט שורגענדיק געשריי אין האַלדז איך גיי אין שליחות,
נקמה צו נעמען פאַר מענטשלעך בלוט, פאַר יעדן טראָפּ.

20,000,000 רוסן, 6,000,000 יידן — ס'האַרץ בלייבט שטיין!
ראָד אין רעדל מעטאַדיש אָנגעדרייטע מאָרד מאַשין — — —
מיין „סערזשאַן גרישא", „די באַבקא", „דער פאַל טיסאַ עסלער",
אַ טעאַטער־שפּיל, אַ ראָמאַן צו לייענען ביים קאַמין —

„ביז וואַנען נאָך וועט איר אַרומשפּרייזן אויף צוויי צווייגן?"
דער באַשלוס איז געפאַלן, נישטאָ מער: אַהער, אַהין.

נולן־געכפּלט קלינגט די קייט, פאַרציט דער טויטן נעץ
מאָרד־רעקאָרד־ציפער — אַסטראָנאָמיש לויפנדיקער באַנד;
„אדוני הוא אלוהים!" זיבן הימלען שפּאַלטנדיק
דער אויפגעשריי, כ'זע צוקן דעם בליץ אין דיין האַנט.

עס פאַלט אַ באַשלוס — רוק־צוק, פון ביקסן אַ זאַלפן־שאָס!
. . . כ'בין גרישא, מיט פאַרבונדענע אויגן כ'שטיי ביי דער וואַנט.

נישט דיין גאַרטל אַרום מיינע לענדן, אליהו —
צו טראָגן, עס איז געפאַלן אויף מיר, דיין גאַנצע לאַסט!
פון שנאה? פון ליבע? מיין בלינדער בליק פירט מיך צום ציל —
אין ווילד־צעשטורעמטן ווינט די בלענד־לאַמטער אויפן מאַסט!

אויף טויט און לעבן אין אַ שליחות איך גיי אַצינד,
צום לאַנד אַזוי געליבט און געוואָרן אַזוי געהאַסט.

כ'ווייס, נישט ליבשאַפט, נישט שנאה, נישט נקמה אפילו —
דיין שליחות, אליהו, איז דאָס גערעכטע וואָרט!
איך האָב עס געשליפן מיין גאַנץ לעבן, ווי דו דיין האַק,
און וויפיל ערלעכקייט פונם לעבן כ'האָב אָפּגעשפּאָרט:

„לא ברוח . . . לא ברעש . . . לא באש . . . קול דממה דקה"
זיבן מאָל געקושט ער האָט די ערד און אַראָפּ צום פאָרט.

נאָוועמבער 1962

## יוסף לעפּטוויטש

### טויט איז ניט קיין נס

ניט טויט איז מאדנע,
נאר דאס וואס א לעבן גייט אויף,
אז א קערפּער קען דענקן,
אז ס׳קען גלויבן א גוף.

אז שטויב קען זינגען,
אז פליש און בלוט
קען ווערן א דירה
וווּ ס׳קומט וווינען גאט.

אז ס׳לעבט א טויטע זאך,
אז ס׳ווערט לעבעדיק א מת,
אין דעם איז דער וווּנדער,
דאס איז דער נס.

### פון דרויסן

איך גיי אין גאס, און קוק צו
ווי מענשן גיין פארביי.
איך בין נישט מער אין דעם שפּיל,
איך שטיי פון דרויסן פון זיי.

איך בין נישט מער אין דעם שפּיל,
פון טון און פון ברעכן,
פון בויען אויפס ניי,
פון שטרעבן צו דערגרייכן.

איך קוק זיך צו ווי א פרעמדער.
איך בין שוין ארויס פון דער הויט.
כאטש איך לעב, איז דער קוק מיינער,
ווי פון איינעם וואס איז טויט.

כ׳הויב צום הימעל מיין קאפּ,
פון דער וועלט ארויס.
איך וויל טויטערהייט וויסן
ווי דאס לעבן דא זעט אויס.

### פאסט מארטעם

„רבונו של עולם, איך בין צו דיר געקומען״.
„ביזט שטענדיק ביי מיר געווען״.



„איך בין געווען ווייט פון דיר״.
„איך האב דיך שטענדיק געזען״.

„וואס ליגט דארט אין דעם ארון ?״
„דיין טויטע מורא״.

„ווער רעדט דאס מיט מיר איצט ?״
„דאס רעדט צו דיר דער בורא״.

## יהודה ביעטש

### יוסף לעפּטוויטש — דער שרייבער און דיכטער — א בן שבעים

אין אונזער צייט, און קולטור־מצב פונם געזעלשאפטלעכן לעבן אין יידיש־לאנדאן פארנעמט יוסף לעפּטוויטש, בלי שום ספק אן אייגנארטיק, בכבודיק ארט מיט זיינע פארדינסטן פאר דער מאדערנער יידישער און פאר דער יידיש־ענגלישער ליטעראטור. די קריטישע ארטיקלען זיינע איבער בארימטע פערזענלעכקייטן אינם ליכט פון זייער קינסטלעריש שאפן, זייער מענטשלעכקייט זייער אינטעליגענץ, שייכות און באציאונגען אינם קרייז פון דער גרויסער שרייבער משפחה, זענען רינגען אין דער לאנגיאריקער קייט פון זיין אייגענעם ליטערארישן שאפן.

מייסטנס אבער האט יוסף לעפּטוויטש זיך קונה שם געווען מיט זיינע איבערזעצונגען פון די ווערק פון יידיש שרייבער. אט די איבערזעצונגען פארמירן מיט זיך א מין פארבנרייכן רעגנבויגן, אזוי רייך זענען זיי עס אין בילדער און געשטאלטן. אין דער הינזיכט קען מען אים באצייכענען ווי א „כל־בוניק״ אין זיין אלזייטיקייט. זיכער האט אים זיין טאלאנט געהאלפן אין דער מיסיע איבערצוגיסן דעם יידישן פאלקלאר אין ענגלישן לשון אריין, און ערלעך און מיט אחריות האט ער זיין שליחות אויסגעפירט.

אלס שרייבער איז יוסף לעפּטוויטש נישט דערשינען ווי ווּאולקאנישער אויסברוך, אבער זיינע עסייען, אפּהאנדלונגען און לידער, צעווארפן אין כלערליי צייטשריפטן און זשורנאלען פון כמעט דער גארער וועלט, זענען פון א גרויס־קינסטלערישן ווערט.

איינער פון די מיטגרינדער און שטענדיקע מיטארבעטער פון „רענעסאנס״, דעם ליטעראריש־געזעלשאפטלעכן חודש־זשורנאל, וואס האט אנגעהויבן דערשיינען אין יאנואר, 1920, איז געווען אונזער יוסף לעפּטוויטש. אייגנארטיק זענען געווען די טעמעס, וועלכע ער האט פאר זיך אויסגעקליבן, ווי „דער אטעם פון גאט״ אין נומער איינס. אט דער עסיי איז ממש א פירוש אויפן תוכן פון ליבע.

מיר לייענען : „דער צער פון דער נשמה איז אייביק. ער איז אן אנהייב און אן סוף. יעדער דור האט אים נאר איבערגעחזרט. נביאים און קינסטלער

האבן אים אויסגעדריקט אין אייביקע פארמען. נאר דער שטאף אליין איז געבליבן אין פאלק. זיי האבן געשאפן ליניעס פאר דער וועלט־בענקשאפט. זיי האבן וואקאליזירט דאס אוניווערסאלע געוויין. דאס איז אלץ, וואס זיי האבן געטון. און דאס געוויין פון דער נשמה איז „ליבע“.

ס'איז כדאי זיך אפצושטעלן אויך אויפן איינדרוקספולן עסיי זיינעם אין נומער דריי פון „רענעסאנס“ איבער דער טראגישער פערזענלעכקייט פונם קינסטלער סימיאן סאלאמאן, זיין לעבן און שאפן אין דער עפאכע פון דזשאן ראסקין ביז אסקאר ווײַלד; אן עסטעטישע באוועגונג אין ענגלאנד, און אינטערעסאנט ביז גאר אין דער ענגלישער קונסט־מאלעריי. דער הויפט־מאטיוו פון אט דער באוועגונג איז געווען זיך אומצוקערן צו דער אלטגריכישער קולטור.

„סימיאן סאלאמאן געהערט צו די פרע־ראפאעליטן, וואס זייער אויבער־עמפינדלעכקייט טרייבט זיי צו עקסטרעמיזם. זיין יידישע נשמה אבער ווערט צעריסן אין צווייען אינם קאמף צווישן יהדות און העלעניזם. נאר כדי צו שאפן ארט פאר ביידן, מוז מען צערייסן די אייגענע נשמה, ווייל דאס העלעניסטישע איז גוף, אויג און מוסקול, בעת דאס יהדותדיקע איז מחשבה, פאנטאזיע און אבסטראקטע טעאריע. דאס גריכישע איז היידניש, דאס יידישע איז רעליגיעז.

מן הטבע איז סאלאמאן געווען מיסטיש און סימבאליש. אים האט געצויגן ראסעטיס ראמאנטישע פארהלומטקייט און פאעטישע זינלעכקייט. דערפאר האט ער געזוכט צו פאראייניקן אין זיך סיי דאס העלעניסטישע סיי דאס יידישע, פארגעסנדיק בשעת מעשה, אז די צוויי עלעמענטן קענען קיינמאל נישט לעבן מיט זיך בשלום און אז זיי וועלן ארויסרייסן ביי אים זיין הארץ און נשמה אינם געראנגל“.

הגם אסך וועלן אפשר נישט אינגאנצן מסכים זיין מיט יוסף לעפטוויטש עסיי „דער הערבסט“ צוליבן מיסטיציזם דארטן, איז די זאך אבער פון דעם שטיינער וואס איז ווערט געלייענט צו ווערן און צווינגט ממש, אז מען זאל זיך דעריבער פארטראכטן.

אינם „רענעסאנס“ האבן מיר אויך נאטיצן איבער אסך אויסשטעלונגען פון יידישע קינסטלער, געשריבן פון יוסף לעפטוויטש און אויך א געלונגען ליד זיינס „דער שד“.

יוסף לעפטוויטש פארמאגט דעם טאלאנט, אלס איבערזעצער, צו קענען איבערגעבן פריש און קרעפטיק יידישע בילדער און שילדערונגען אויפן ענגלישן לשון. אין אט דער ארבעט ליגט א טייל פון זיין אייגענעם איך. דאס זעט מען בולט אין זיינע איבערזעצונגען פון יידישע שרייבער אין בוך „ישראל“ און אפגערעדט שוין פון די פאעמעס פון יידישע דיכטער אין דער אנטאלאגיע „דהי גאלדען פיקאק“ („די גאלדענע פאווע“). מיט גרויס ליב זאל עס דערמאנט ווערן ווי ער האט איבערזעצט דעם ראמאן „נח פאנדרע“, וואו דער מחבר שילדערט די צוגרייטונג צו דער יערלעכער סעודה פון דער חברה קדישא. אויב עמיצער האט, חלילה, פארלוירן דעם אפעטיט צום עסן, זאל ער זיך מטריח זיין און גיין צו דער שמחה פון דער חברה קדישא אין שקלאוו. כהרף עין וועט



ער דארט אויסגעהיילט ווערן! . . . אזוי עצהט אייך דער מחבר זלמן שניאור. און אזוי געלונגען איז די איבערזעצונג אויף ענגליש, אז ס'איז שווער צו זאגן ווער דער מחבר איז.

ווי טייערע שנירלעך פערל פון בעסטן סארט זענען יוסף לעפטוויטש קריטישע אפהאנדלונגען איבער גרויסע שריפטשטעלער, ווי שלום אש, זלמן שניאור, סטעפאן צווייג און ישראל זאנגוויל, נישט צו רעדן פון דעם, וואס ער האט געשריבן איבער מענדעלע מוכר־ספרים, שלום־עליכם און י. ל. פרץ — אונזערע קלאסיקער.

נישט בלויז איז יוסף לעפטוויטש א גוטער שרייבער, דיכטער און איבערזעצער פאר־עקסעלאנס, נאר ער איז אויך „דער אמבאסאדאר“ פון דער יידישער ליטעראטור פאר דער וועלט. דאס, לויט מיין מיינונג, אז מסתמא די בעסטע כאראקטעריזירונג פאר אט דעם פילזייטיקן שרייבער.

פאר זיין טריי דערפילן די שליחות מיט ארויסברענגען די שאפונגען פון יידישע שרייבער און דיכטער פאר דער ענגליש־יידישער און ענגלישער געזעלשאפט האט יוסף לעפטוויטש זיך כשר פארדינט דעם לארבער־קראנץ און די פולע אנערקענונג.

מיר גיבן אים אונזערע הארציקסטע ברכות צו זיין ווערן א בן־שבעים: עד מאה ועשרים שנה!

שמואל ווהייט

## יוסף לעפטוויטש צו זיין יובל השבעים

### אלאטקע מכל מיני מטעמים לכבוד חנוכה

עס זאל אסאך העלער באַלויכטן זיין לעבן
מער פון זיין חכמה אין שאַפן אונז געבן
דער אָמניבאס זאל בארג ארויף לייכט זיך באוועגן
אין אויף פעגאזוס פליגעל זאל זיין גייסט שוועבן
די קאליריקע ניאַנסען פון דער גאלדענער פאווע
באלויכטן דאס יידישעווארט מיט גרויס אהבה.

יהושע ריווין

## דערווארטונג

מיט דערוואַרטונג קאָנסטו אויסלעבן א לעבן,
מיט בטחון קאָנסטו וועלטן איבערקערן;
ס'קאן דיין לעבן — א ים יסורים
דיר — א גן עדן ווערן . . .

מיט חלומות, מיט פאַנטאַזיעס
קאָנסטו אין די הימלען שוועבן;
זאָג ניט קיינמאל אין פאַרצווייפלונג:
„כ'האָב פאַרשפילט מיין לעבן“ . . .

## חיים וואלדמאן

# איאר הונדערט

(צו מיין טאַטנס 100׳סטן געבורטסטאָג, אין ישראל)

הונדערט יאר איז נישט קיין סאך
ערשט ווי נעכטן געוועזן דיין געבוירן טאג
געליטן אין דיין לעבן שווערע טעג פון ליידן
געגאנגן וועג צו וועג פון פלאָג צו פלאָג.

די וועגן מיט שטיינער זענען געוועזן
און מיט דערנער געשטערט דיין גאנג
און געזונגען ברוך אדוני יום יום
דאס איז געוועזן דיין לויב דיין געזאנג.

געחלומט געהאפט אויף די טעג די גוטע
זאלן קומען מיט פרייד און געזאנג
אזוי געלעבט און געהאפט ביז הונדערט יאר.
מיט איין נגון מיט דיין איינציגן קלאנג.

געגאנגען אין חדר געלערנט געשמאק
ווי צו האלטן די מצות לערנען די תורה
און געבליבן א ייד ביז הונדערט יאר
צו בענשען די טעג און דאנקן דעם בורא.

געשלעפט דעם גלות דעם שווערן
געהאפט די גאולה זאל קומען
אזוי האט זיך געוועבט אטאג נאך אטאג.
ביז הונדערט יאר ביי דעם טאטן דעם פרומען.

געקומען זענען דיינע אויסגעחולמטע טעג די גוטע
וואס דו געהאפט אויף זיי דור צו דור
און אין מדינת ישראל צו שאפן די גאולה,
געבענשט זאל זיין דיינע הונדערט יאר.

---

מיר באגריסן אונזער ליבן פעטער, **מר מארדאוויטש**, אין תל־אביב צו זיין זעלטענעם יובל — רונדיקע הונדערט יאר, צו געזונט און לעבן! מיר ווינטשן דיר כוחות ווייטער אנצוגיין עד מאה ועשרים שנה, מיט אלעם גוטן.
**צביה לאה** און איר מאן **אייזיק גאלדבערג**, לאנדאן.

---

## מזל טוב

צו דער חתונה פון אונזערע פריינט **מנשה ווייסגראז** (וויצע פרעזי־דענט), און **מילי באראוויטש** (קאָמיטעט מיטגליד) ווינטשן מיר אז זייער צוזאַמלעבן זאל זיין מיט נחת און פרייד און צו לאַנגע לאַנגע יאָרן.
„פריינט פון יידיש לשון“



## משה בעקערמאן

# ביי אן „אסימילאטאר“ אויף חנוכה

געקומען בין איך קיין לאנדאן עטלעכע וואכן פאר חנוכה, און דאס ערשטע, וואס איך האב באמערקט אויף די לאנדאנער גאסן, אין דער באגלייטונג פון א שעלטער־שליח, איז געווען א שטאק־פינסטערניש! פרעג איך מיין באגלייטער:

— ווען ווערט דא טאג?

זאגט ער, אז טאג אין סוין לאנג געווארן . . .

פרעג איך אים:

— פארוואס זשע איז נאך פינסטער?

זאגט ער:

— היינט וועט סוין זיין פינסטער דעם גאנצן טאג.

קוק איך אים אן און טראכט ביי זיך: א ליטוואק בלייבט א ליטוואק! נאר וואס דארף ער חוזק מאכן פון א „גרינעם“? און טאמער האט עמיצער פון אים חוזק געמאכט, ווען ער אליין איז געווען א „גרינער“, דארף ער נקמה נעמען אין מיר?

וויל איך דאך דערגיין א טאלק, גיב איך אים ווידער א פרעג:

— זאגט מיר דעם אמת, איז טאקע דא אין לאנדאן אלע דינסטאג פינסטער א גאנצן טאג?

אבער אזא פראגע האט ער נישט דערוואַרט. איך האב עס געקענט זעען אין זיין בייזן בליק אויף מיר, אז ער טראכט אדער איך בין א גרינער אידיאט אדער איך מאך פשוט חוזק פון אים. און אנשטאט צו ענטפערן אויף מיין פראגע, האט ער מיך געגעבן א פרעג:

— פון וועלכער סטאט קומט איר דאס?

זאג איך:

— פון ווארשע.

זאגט ער:

— נו, און אין ווארסע האט איר ניט געהערט פון לאנדאנער „פאגעס“?

פרעג איך:

— קעגן וואס איז דאס צורייד געקומען?

זאגט ער:

— זייט ניט קיין סוטה, דאש איז דאך די לאנדאנער פאגע! — און געזאגט האט ער עס מיט א טאן פון א פאטריאט, וועלכער שטאלצירט מיט לאנדאן און אירע חושכדיקע טעג.

טראכט איך, אז דו ביסט שוין יא אזא חכם, נא דיר! און איך קריך אים אריין אין דער זיבעטער ריפ מיט א קלאץ־קשיא:

— און פארוואס רופט מען עפעס די שווארצע כמארעס, וואס קייקלען זיך פאר אונזערע פיס, „פאגע“?

גיט ער מיך א מעסט אפ פון קאפ ביז די פיס און קומט ארויס מיט אזא לשון:

— איר האט נאר וואש אראפגעסטעלט א פוש אויף די לאנדאנער גאשן, אז איר געפונט סוין חשרונות אויף אונזער ענגלאנד! סעמען דארפט איר זשיך!

זיין מינסקער יידיש האט מיך אביסל אויפגערעגט. נאר מיינט נישט, חלילה, אז איך האב פיינט ליטוואקעס. אדרבה, אין ווארשע האב איך זיך געמישט מיט מער ליטוואקעס ווי מיט פוילישע יידן. אבער ווען א ליטוואק רעדט פון „אונזער" ענגלאנד, איז עס א סימן, אז עפעס איז נישט אזוי גלאטיק מיסן דאזיקן ליטוואק . . . איך האב אים אפילו געוואלט א פרעג טון: פון ווען אן איז דאס ענגלאנד געווארן א ליטווישע מדינה? דא נישט לאנג, ווען איך האב פארלאזט ווארשע, איז, דוכט זיך מיר, דא געווען אן ענגלישער קעניג, אן ענגלישע רעגירונג, און אין ענגלישן פארלאמענט איז אפילו נישט געווען קיין זכר פון א ליטוואק. טא וואס האלט ער זיך אזוי גרויס מיט „זיין" ענגלאנד? ווער האט עס ווען געהערט, אז אן ענגלענדער זאל זיך בארימען מיט זיינע ליטוואקעס?

הכלל, איך זאג אייך, איך האב זיך געוואלט א נעם טון צו מיין באגלייטער און אים באווארפן מיט פראגעס, אז ער זאל נישט קענען ארויסקריכן. אבער פונקט דעמאלט האבן מיר זיך דערנענטערט צום יידישן שעלטער, וואו א לאנדסמאן האט געווארט אויף מיר. דער דאזיקער לאנדסמאן איז שוין געווען אן „אויסגעגרינטער" און האט זיך נישט בארימט מיט „זיין" ענגלאנד. נאר מיט אים איז געווען נאך ערגער. ער האט זיך בארימט מיט זיין „ענגליש" . . . ווי נאר ער האט מיך דערזעען, גיט ער מיך א פרעג:

— וואו איז יור „פאסלס"?

מיין איך, אז ער פרעגט אויף א פאסיק . . . ווֶעמען זאל איינפאלן, אז אין לאנדאן איז א פעקל א „פאסל"? ווער איך צעטומלט און ווייס נישט וואס צו ענטפערן. גיט ער א כאפ דעם קלימיק פון אונטער מיין ארעם, און צען מינוט שפעטער זיצן מיר שוין אויף דער קאלייקע, וואס פירט אונז צו מיין נייער היים.

דעם לאנדסמאן, וועלכער האט מיך אפגענומען פונם שעלטער אין יענעם „פאגעדיקן" דינסטאג, האט מען אין מיין געבורט־שטעטל גערופן „בערל ברײנע קאטשעלקעס", נאך זיין מאמעס נאמען. און זיין מאמע, די אלמנה, האט מען גערופן „קאטשעלקע" צוליב דריי טעמים: ערשטנס, ווען זי איז געגאנגען האט זי זיך געקאטשעט; צווייטנס, וואס פאר א וויץ עמיצער זאל נישט דערציילן, גוט אדער שלעכט, קאטשעט זי זיך פאר געלעכטער; און דריטנס — דאס מיין איך איז געווען די הויפט־סבה — ווי נאר די שעוואלניע (מצה־בעקעריי) האט זיך גענומען צו דער ארבעט, האט מען בריינען אנגענומען אלס די הויפט־וועלגערקע, ווי א מוסטער פאר די מיידן, וואס פלעגן ליב האבן זיך אדורכווארפן מיט פארשייטע בליקן מיטן הויכן שטיפלער, וועלכער פלעגט זיך שאקלען לויט ווי ס'רעדל איז געגאנגען אין זיין האנט פון איין זייט צו דער צווייטער. ביי בריינען אין די הענט איז דאס וואלגערהאלץ געפלויגן ארויף און אראפ מיט אזא אימפעט, אז נישט די קנעטערינס און נישט דער שטיפלער האבן צייט געהאט אפצוכאפן דעם אטעם.

אלס דאמסקער שניידער איז בערל געווען אזוי אריינגעטון אין זיין מלאכה



און אין ראמאנסירן מיט די שניידער־מיידלעך, אז ס'איז אים נישט געבליבן קיין איבעריקע צייט צו פארנעמען זיך מיט אזא „נארישקייט" ווי צו לייענען און שרייבן יידיש. און נאך לאנג פארן פריזיוו איז ער שוין געווען קורצזיכטיק אין געטראגן דיקע ברילן ביי דער ארבעט, האלטנדיק זיי אין איין פוצן ווען ער האט ראמאנסירט.

ווי נאר ער האט באקומען דעם בלויען בילעט ביים פריזיוו, איז ער אוועק קיין לאנדאן, צוזאגנדיק באלד אריבערצונעמען זיין ווייבל מיטן צווייעריקן טעכטערל. מיר איז עס אויסגעקומען צו שרייבן פאר זיין ווייב א היפש ביסל בריוולעך, וועלכע האבן געקענט רירן א טויטן, ביז ענדלעך בערל האט זי מיטן קינד אריבערגענומען קיין לאנדאן.

צען יאר שפעטער איז מיסטער בערנארד קאפטשאנסקי געקומען מיך אפנעמען פונם שעלטער.

מיין לאנדסמאן איז געווען, ווי די ליטוואקעס זאגן, „א גאר גוטינקער" דאמסקער שניידער און געארבעט פאר זיך. אזוי ווי איך בין א מענער־שניידער, האט ער מיר נישט געטרויט קיין שטאך.

— יאג זיך נישט, — האט ער מיר אפט געזאגט, — וועסט נאך האבן גענוג צייט צו „דאנקעווען" (דאס הייסט, ארבעטן ווי אן אייזל).

און אז ער האט מיך געפרעגט צי איך קען „פעדען לאפעלס", מאכן א פאר „סליוווס", אריינמאכן א פאר „פאקעטס" אדער „אויסבייסטן" א פאר „אײדזשעס", און איך בין געשטאנען ווי א גרינער גולם, נישט ווויסנדיק וואס ער רעדט, איז ביי אים פארבליבן, אז איך בין אינגאנצן נישט קיין שניידער. ביז גאט האט געהאלפן און ער איז געגאנגען אפטראגן ארבעט און איידער ער איז צוריקגעקומען האב איך דערווייל אריינגעהאקט א פאר קעשענעס אין א זשאקעט. נאך דעם ווי ער האט די קעשענעס צוגעטראגן צו זיין נאז און האט בודק־חמץ געווען יעדן שטאך צוערשט דורך איין דיקער בריל און דערנאך דער צווייטער דיקער בריל, האט זיך אים די נאז צעשפרייט אין א שמייכל. ער האט אנגעזאגט זיין ווייב, דאריס, און זיין טאכטער, קייטי, די גוטע בשורה, אז ס'קען זיין אז איך בין טאקע א שניידער.

קיין פרומער ייד איז מיין לאנדסמאן נישט געווען, נאר איך בין ביי דער מיינונג, אז אויב א מענטש איז נישט רעליגיעז, מאכט ער נישט מער צימעס פון איין רעליגיעזער צערעמאניע ווי פון אן אנדערער. נאר צוקוקנדיק זיך צו דעם, וואס האט זיך אפגעטון ביי מיסטער בערנארד קאפטשינסקי אין שטוב אין דער חנוכה־וואך, איז מיר קלאר געווארן ווי מ'קען, אומגעבעטן, טאנצן אפילו אויף פרעמדע חתונות . . .

געמיינט האב איך, אז דאס גאנצע באקן, קאכן און פרעגלען איז לכבוד חנוכה און נאכן ערשטן ליכטל וועט מען אנפאנגען פראווען דעם יום־טוב מיט אלע פיטשעווקעס. דאס וואס ס'האבן זיך באוויזן פלעשער בראנפן און ווײן אין א שראנק האט מיך איבערצייגט, אז מיין לאנדסמאן גייט פראווען חנוכה נאך שענער ווי אין דער היים, ביז . . . פונקט אין טאג פון ערב חנוכה האט זיך אפגעשטעלט א גרויסער וואגן פאר דער טיר און צוויי ערלים האבן אריינגעט־

ראגן און אוועקגעשטעלט ביים פענסטער א בוים, אזוי גרויס ווי מיין לאנדסמאן אליין. קייטיס פנים האט אויפגעלויכטן, ווי די שכינה וואלט זיך פאר איר באוויזן. זי האט אויסגעפוצט דעם בוים מיט קאלירטע פעקעלעך און צאצקעס, אים אנגעפיקעוועט מיט לעמפעלעך די גרויס פון א ווייַנטרויב און ארומגעפארעט ארום אים, אזוי, ווי ער וואלט געווען א בן־יחיד . . .

איך האב קייטין נישט געקענט פארשטיין. ווי האלט דאס א מיידל אין איין עסן שאקאלאדע און שמאטשקען די פינגער ? ווי קומט עס וואס די מאמע אירע זאל זיצן ביז שפעט ביינאכט און שלייפן לעכער פאר בערנארד דעם „גוטינקן שניידער" ? דערצו איז זי נאך געווען א ליבהאבערין פון קישקעלעך. לויט ווי איך האב געהערט, האט זי נישט איין בחורס הארץ צעבראכן איבער אירע קישקעלעך . . . ווי נאר זי האט מיט איר ווייבערישן אינסטינקט דערשמעקט, אז א בחור ווערט פארקאכט אין איר איבער די אויערן, האט זי אים גענומען טאפן דעם דופק און אויסגעפינען צי ער איז נישט קארג אויף קישקעלעך.

האט מיר טאקע איינער פון אירע קרבנות געווארנט,

— זייט פארזיכטיק מיט קייטין. זי וועט אייך נאך אויסמעלקן וויפל ס'וועט זיך נאר לאזן ביז איר וועט מיד ווערן צו שפייזן זי מיט קישקעלעך !...

ווען ס'איז געקומען צום בענטשן דאס ערשטע חנוכה־ליכטל, איז דער טיש געווען געדעקט מיט כל־טוב. בערנארדס ווייבל, דבורה, איז געווען אויסגעצירט פון קאפ ביז צו די שפיץ־פינגער אין אויערינגען, גאלדענע קייטן, בראנזאלעטן און פינגערלעך אן שטיינדלעך, מיט שטיינדעלעך ווי שטערנדלעך און גרויסע שטיינער ווי לבנות. פון איר שווער ארבעטן אין קיך און ביים ווארשטאט, און באהאנגען מיט אזא מאסע גאלד אויף איר קערפער, איז עס געווען א רחמנות צו קוקן אויף איר.

בערנארד קאפטשינסקי איז ארומגעגאנגען אין א פריילעכער שטימונג, מיט א גראבער גאלדענער קייט פון איין וועסטל־קעשענע צו דער אנדערער, אין מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס. אויף דער קייט זענען נאכגעהאנגען עטלעכע גאלדענע מטבעות.

קייטי האט געהאלטן אין איין פארזוכן די פארשידענע סארטן זיסיקייטן וואס זענען געשטאנען אויף א טישל ביי דער זייט.

ענדלעך האט זיך אנגעפאנגען . . . צו באוויזן איין גאסט נאכן צווייטן: „באבקע" מיט זיין ווייב, „שימעלע" מיט זיין ווייב. ביידע זענען זיי געווען אין דער קאטעגאריע פון „גוטינקע שניידער", באזונדערס שימעלע, וואס כאטש ר'איז בלויז געווען א וועסטל־שניידער, פלעגט ער קיינמאל נישט וואגן צו פרעסן דעם שמאלן אקסל פון א וועסטל אין איין גאנג.

— מיט אזא פרעסן באגראבט מען די אקסלען, — פלעגט ער געבן צו פארשטיין.

פלעגט ער טאקע צוערשט פרעסן אויפן שפיץ פרעס־ברעטל א האלבן אקסל און דערנאך איבערדרייען דאס וועסטל און פרעסן דעם אנדערן האלבן אקסל. געטון האט ער דאס מיט אזא התמדה, אז ער פלעגט קיינמאל נישט



אריבערגיין די גרענעץ פון דער געפרעסטער העלפט. נאך אזא שטיקל קונסטארבעט האט ער זיך ערשט פארגונען ארויסצונעמען א טיכל און זיך אפווישן זיין דארע, פארשוויצטע נאז און מאכן א מינע, ווי איינער זאגט:

— נאך אזא שימעלע וועט מען אין לאנדאן נישט געפינען !

יעדן פון די געסט האט דער בעל־הבית באגריסט מיט א פריילעכן „מעררי קריסטמעס" ! ס'האט נישט לאנג גענומען און דער עולם האט זיך אריינגעווארפן מיט לייב און לעבן אין אט דעם היילִיקן יום־טוב . . . פון קריסטוס.

ביי קייטין איז נישט געווען קיין נפקא מיניה צי ס'איז קריסטמעס, פורים אדער שמחת־תורה. איר אינטערעס איז געווען מער פראזאאיש: וועט מען מעגן עסן קישקעלעך מיט „טשיפס" און וועט זי אמאל פאקן א בחור וואס וועט איר נאכגעבן די „שמד" ?

וואס איז געווארן מכוח בענטשן חנוכה־ליכט ? בערל ברײנע קאטשעלקעס האט זיי אָנגעצונדן, גאר א סך, אבער נישט אין עפעס א מנורהלע . . . און א מענטש מוז דאך האבן א פיינערן אינטערעס אויך אין גייסטיקע זאכן אחוץ „גוטינקע שניידעריי" !

## א. נ. שטענצל

### אין פעלקער צעטומלטן צייט־מאטיוו (טריפטיך)

1

אויף דער עלטער געהאַט ער האָט דעם זון,
פון א רויט־לייביקער אין א זשונגל־וואַלד,
ריזיק אויסגעוואַקסן ר'איז, געוואַלטיק,
און דער טאַטע איינגעבויגן שוין און אַלט.

מעבר לים געבליבן אַ קינד,
זיך אויסגעהאָדעוועט אויף דער מאַמעס הענט,
אַצינד זאָרגן פאַר אים, פאַרן זקן,
אַ פרעמדן, קיינמאָל נישט געזען, נישט געקענט.

דעם אַלטן טאַטן אוועקצומאַכן,
שארפט ער שטיל־בסוד דאָס מעסער שוין, דער זון.
אַ מאַמע ? אַ ווייב ? אַ האַרץ אַ געטרייס ?
האָט זי דעם מאַן דערפון צוּוויסן געטון.

איז וואָס זאָל ער טאַקע טון דער טאַטע,
לייגן הענט אין שויס און וואַרטן אויף זיין סוף ?
אַז ווו קען ער זיך פון זון באַהאַלטן,
כאָטש נעם און פלי צו דער לבנה אַרויף.

און אַז ער וועט אים אַהין דעריאָגן ?
און דאָרט אין האַרץ מיטן מעסער אַ דערלאַנג ? !

איבער אַ שלייף־שטיין זיצט איצט דער פֿאָטער,
א מעסער אין האַנט, געבויגן, אַלט און קראַנק.

שפּריצן די פֿונקען פֿון זיינע בליקן,
ס׳טריפֿן די אויגן ס׳וואַסער אויפֿן שלייף־שטיין:
אויב דער ממזר וועט הייבן דאָס מעסער,
צוזאם מיט מיר אין קבר וועט ער גיין.

און די רויט־לייביקע מאַמע, דאָס ווייב,
אין מידבר אוטא, ביים מיסיסיפּי ברעג,
עס רוישט דער זשונגל, ס׳פּלייצט איבער דער טייך —
איר האַרץ צעריסן אין פּחדימדיקע שרעק:

צי איבערבלייבן מיט זון אַ מערדער,
אים באַגראָבן מיט זיין פֿאָטער אין איין טאָג?
„קלאַפּערדיקער דונער", דו, „גרויס געוויש",
העלף מיר דאָך צו אין מיין יללה־געקלאָג.

2

אויף יענער זייט וואָלגא, איבער בערג קאַפֿקאַזיש,
ווו ווילד די אָדלערס בויען זייערע נעסטן,
האָט אים א ברוין־הויטיקע, א שיף־אויגיקע,
געבוירן אַ זון אַ גבר, א פֿויסטיק פֿעסטן.

זי הימליש־יונג געווען, ער נאָך ערדיש יינגער,
אין די ווייטסטע שליאַכן זיין בלוט אים געטריבן,
עס האָט נישט געהאָלפֿן איר קושן, איר וויינען,
אויסגייענדיק אין איר יללהדיק ליבן.

דעם ערשט געבוירענעם, אָקאָרשט פֿאַריתומטן,
א ווייס־בעריכע מאַמעדיק אָנגעזויגן,
און מיט זיין שוואַרצער צונג דער פֿעלזן־בערג אָדלער,
אויסגעלעקט בלוי־פֿונקלדיק צוויי קלאָרע אויגן.

שפּילנדיק מיט פֿיילבויגן טאַטן שוין געזוכט,
אין האַרץ אים צו טרעפֿן, צום טויט דורכצושטאַכן!
זייט דעמלט לויערט ער אויף אים טאַטשענדיק שטיל,
מיט שאַרף געשליפֿן מעסער אויף אַלע שלאַכן.

די טונקל־הויטיקע, קאָסאָקאָ־אויגיקע,
זי לעבט דאָך נישט, זי זאָל אים צו וויסן געבן — —
אז די דריי מיט די מעסערס וועלן זיך טרעפֿן,
אפשר דער אַלטער זיך ראַטעווען דאָס לעבן —



צוויי ברידער שטייען איינער קייגן אַנדערן,
דערשפּירט יעדער צווייטנס שנאה צו זיין טאַטן . . .
מיטן מעסער פֿאַלט איינער אויפֿן אַנדערן,
און ס׳פֿאַלן אין אַ שלאַכט צוויי בראַווע סאָלדאַטן!

און ווי זי דאָרט, די מאַמע, די רויט־לייביקע,
וועט באַוויינען איר זון, וועט ער זיינעביידע;
ווי אַרום איר יתומימלעך רויט־לייביקע,
רויט־הויטיקע, שיף־אויגיקע — ארום זיידע.

און פֿון הימל, די יללהדיק געליבטע,
דערזעט ראָפּטים דורך אירע צוויי אויגן־לעכער
יתומימלעך, פֿלאַטערדיקע מלאכימלעך,
נענטערן זיך צו איר אַלץ העכער און העכער.

פֿון מאַמע־צער זי ווערט אַלץ קלענער און קלענער,
זי הילט זיך שוואַרץ איין אין אַ געדיכטער כמאַרע:
„אַלץ בעסער מיין קינד דיך זען ליגן א טויטן,
ווי אַלס פֿאָטער־מערדער אויף אַ תפיסה־נאַרע.

„אפשר אנשטאָט צו קוילען זיך איינס־ס׳אַנדערע,
די אייניקלעך, אז כ׳וועל זיי דאָ אויבן האָבן,
מיט די אויסגעשאַרפֿטע מעסערס, אָן פּגימה שוין,
עץ־חיים־עפּל פֿאַר דער באָבען אויסשאָבן".

3

ווען יינג געווען מיט מעסער אין שטיוול,
פֿון לאַנד צו לאַנד א גבר געשפּאַנט ער האָט
יעדעס ווייב אין זיין ברוסט זיך געוואָרפֿן,
מאַ:סבילן ריזן געציטערט פֿאַר זיין טראָט.

פֿינסטער געוואָרן די ליכטיקסטע טעג
ווען אומשולדיקסטן געוויזן: „ווער גערעכט!"
אונטערגעצונדענע דערפֿער און שטעט,
זיינע שטורקאַצן צו באַלייכטן די נעכט.

„אין אַלע וואַסערן שוין געוואַשן",
פֿון בלאָטיקן ווייסל, ביז בלוטיקן ריין,
נישט צו דערצוואָגן זיך אין דניעפּער מער,
נישט אין סעין, נישט אין טעמזע צו ווערן ריין.

וואָלט ער זיין שפּיגלדיק פּנים דערזען,
אין אַ מינדסטן, אָבער אַ קלאָרינקן טייך,

פאַר זיין פּרצוף ער וואָלט זיך דערשראָקן,
ווי די לבנה געוואָרן אזוי בלייך.

זיצט ער ביים שמוציקן ברעג פון לעבן,
מיט זיינע טרערן דערציילט ער לעצטע טעג,
שעפּטשענדיק מאָדנע ווערטער אַזעלכע,
עובר־בטל, וואָס רעדט צו זיך פון וועג:

„הבל הבלים, אַלצדינג איז הבל,
אָפּגעלעבט אַ מין לעבן מישטיינסגעזאָגט,
טויזנט ווייבער און קינדער צען טויזנט,
און פון קיין איינעם נישט צו ווערן באַקלאָגט.

„איצט זיץ איך שטייף־געבויגן שלייף און שלייף,
שאַרף שוין ס׳מעסער אויס פאַר מיין אייגענעם קינד,
די רויט־לייביקע, איר וואָרענען מיך,
נקמה צו דערלעבן אין מיר אַצינד...

„כאָטש אַליין אַ מעשה זיך אָנצוטון — — —“
געשווינדער נעמט פלייצן אַ טרער נאָך א טרער,
בלויז דאָס שלייפן אַ רגע נישט אויפהערט,
ווי אַלט, ווי שוואַך, יעטוועדער באַוועג ווי שווער.

## א לאנדאנער נעפל (דריי סאָנעט)

פון פארן מבול א חיה, א שלאַנג,
א רעפּטיל, קריכנדיקער אויפן בויך,
שפּירסט שוין פון איר אָטעם גאַל־גרינעם הויך,
איר פּיסק, אָן אויפגעריסענער צום פאַנג.

לאַפּעס, ווי די גאַנצע גאַס אזוי לאַנג,
די אויפגעשטעלטע גריווע — הימל הויך,
איר טליענדיקער בליק, טשאַדעט אַ רויך,
מיט טויזנט פיס הילכט טאַטשנדיקער גאַנג.

שווימענדיק זי קריכט, פליענדיק זיי גייט;
האָסטו דיך פון איר שוין אַרויסגעדרייט,
שטעלן אירע גראַטשעס דיר נאָך אַ פייג —

דורך פענסטער, דורך שליסל־לאָך פון טיר
צום דערשטיקן א געשטאַנק שלאָגט פון איר —
זי יאָגט דיך נאָך אין שטוב — א טכויר אין שטייג.

° ° °

ס׳גריזשעט די לונגען, ס׳גראַטשעט אויס די אויגן,
געפרוירענע פינגער פאַרשטייפט פון פראָסט,
שרייבנדיקע פען נישט אַרויסגעלאָזט,



שורה נאָך שורה ווייטער געצויגן.

אז וואָרט מיט לייב־און־לעבן געוויגן,
דיין בלוט אַריינגעטריפט דערין דו האָסט,
איבער בייגעלע פּאַפּיר, ביליג, פּראָסט —
איבער פּאַרמעט א סופר געבויגן.

נישט געגאַנגען אין מקווה פאר א שם,
„לשם ייחוד, די גענזענע פען איך נעם“ —
אין פיבער שווייס געטובלט יעדער אות!

איבער גאַנצן לייב א גענזענע הויט!
אַ סימן, נאָך נישט פאַרפרוירן אויף טויט,
אָן אויפהער דער הוסט און הילכיקער נאָס.

° ° °

אויפגעהויבן די אויגן פון פּאַפּיר,
און מיין שטיבל פינקלט פון שטערן־שיין,
די פולע לבנה זע איך אויפגיין —
פון אונטער מיין שטערן קוקט זי אַפיר.

ווי פאַרכמאַרעט ער איז, ווי שווער — איך שפּיר,
ער ברעכט צוזאם — א וואָלקן־ברוך געוויין!
אבער מיט מיינע אויגן שטיל איך ליין,
פון די אותיות, נאָך פייכטע פאר מיר;

ווי וווּנדערלעך זיי זיינען אויסגעשטעלט,
ליכטיק, לייכט־שוועבנדיק — אַ גאַנצע וועלט:
אין „וואָגן“ איינגעשפּאַנט דער „גרויסער בער“!

כ׳ווייס וואָס קומען וועט און וואָס ס׳גייט ווערן,
די חיה־רעה וועט צעריבען ווערן,
אין מיין אויג הענגט זי שוין די לעצטע טרער.

## סוף כל סוף...

ווען שפּעט ביינאַכט דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען אהיימגעקומען פון ברית, פריילעכע, בגילופינדיק פון דער שמחה — אדורכפאַרנדיק מילעוויץ אין אַראָפּלאָזנדיק די באַבע, איז דער פעטער יידעל פּייוול אַרויסגעקומען מיט בראַנפן און לעקעך צו דער בריטשקע, — און אַריינקומענדיק אין שטוב אַריין מיט ברייטן מזל־טוב, דערזען זיי מיט גרויס שטוינען, אַנשטאַט אסתרן מיט צימעלען, דאָס „קליינע פעלדשערל“, וואָס סודעט זיך ביים טיש מיטן פעטער היימל, וועלכער זעט אויס זייער דערשראָקן.

דאָס קליינע פעלדשערל, דערבליקנדיק די אָנקומענדיקע, ענדערט שנעל די סיטואַציע, שטעלט זיך אויף פון טיש און רעדט צו די דערשטוינענדיקע אין „זיין“ יידיש: „ס׳וועט אַלץ זיין ,דאַבזשע׳, זי מוז נאָר ליגן בלייבן אין בעט אַ צוויי־דריי וואָכן, נעמען די ,מעדיצינא׳ און שלינגען א צוויי־דריי טאָג נאָך

אלע האלבע שעה שטיקלעך ,לאָדי׳.״

דער טאטע, צו זיך קומענדיק; הערנדיק דאס „יידיש״ ריידן פון פעלדשער, האט ער תיכף־ומיד פארשטאנען: אויב, חלילה, עס וואלט זיך געהאנדלט אין סכנת־נפשות, וואלט ער גערעדט פויליש.

די מאמע, א דערשראקענע, איז שנעל אריין אין דער צווייטער שטוב, דערזען אסתרן ליגן אין בעט מיט א פאכאזש־אייז אויפן קאפ, האט פארבראכן די הענט מיט א דערדריקטן געשריי. צימעלע, אינגאנצן פארלוירן אין איר אומבאהאלפנקייט, דערזעענדיק די מאמע, איז זי ארויס פון דער טונקלניש ווי א פארלוירן קינד און גענומען שטאמלען ווי א שולדיקע, מיט טרערן אין די אויגן... זי איז געווען אין דער קיך... אסתר, שטייענדיק אויף דער לייטער, איז אראפגעפאלן אין א קאלוזשע בלוט... דער דאקטאר איז געווען... „ס׳קליינע פעלדשערל״ איז שוין דא ס׳צווייטע מאל. ביי די לעצטע ווערטער האט זי זיך ערשט צעוויינט אויף אן אמתן, ווי אין דעם־א, — וואס דאס קליינע פעלדשערל איז שוין דא צום צווייטן מאל, — וואלט געווען דער גאנצער בראך און ווייטאק.

ביי אסתרן, וואס איז געלעגן אין בעט א טויט־בלאסע, מיט פיבערדיקע פארגלייזטע אויגן, האט א מאדנער צופרידענער שמייכל א שוין פאַרגליווערטער, פערקאַלט געשוועבט אויפן פנים: יעצט האט איר עס... אלץ איז ארויס און פערטיק... עס האט מיט מיר מער נישט צו טון... עס איז אייער עסק... זי האט אפילו מיט קיין בליק נישט באערט די פארצווייפלטע מאמע. זי האט געווארט דער טאטע זאל אריינקומען. אים וועט זי יא צווארפן א בליק: דא האסטו דיין טשענסטאכאוו!

פאראיארן, ווען די פרנסה־שוועריקייטן האבן זיך אנגעהויבן און דער טאטע האט געזען אסתר מיט דער מאמע לעבן נישט שווה־בשווה, אז דער מאמעס ווילדע „דרכים״ געפעלן איר נישט, אסתר א מיושב־שכלדיקע, מער געראטן אין „זיין״ משפחה, האט ער זי אוועקגעשיקט צו זיין שוועסטער, די מומע גיטל: זאל זי זיך אין דער גרויסער שטאט אויסמענטשלען, עפּעס לערנען, און אפשר אויך קומען צו א תכלית... שוין א מיידל ראוי לחופה...

האט זי זיך אין געוועלב זייער אויסגעטויגט, זיך שנעל אין אלץ אריינגעפאסט. דער פראקטישער פעטער משה האט פון איר טיכטיקייט גאר אנגעקוואלן. יאנקל פלעגט מיט איר שפאצירן אין די זומער־פארנאכטן אין די אלעען, שבת מיט איר גיין באזוכן די משפחה, יעדן שבת אנדערש־ווו — נישט אויסצושעפן! קיין עין־הרע, א משפחה פון קאזשע־געסל און גארניצארסקע ביז דער צווייטער אלעע און טשענסטעכיוווקע. זי האט אויפגעבליט: „בערישלס טאכטער, אינגאנצן די באבע אסתרל״.

יאנקל, דער שטילסטער, דער באשיידנסטער פון די בני־פייגנבוים — די עלטערע שלמה און הערש לייב שוין חתונה געהאטע, מיט מאדערנע גאלאנטעריגעשעפטן, גרויסע באלויכטענע שויפענסטער, אין דער ערשטער אלעע. בערל האט געלערנט אין אמסטעוו, דוד האט שוין געהאט פייגעלעך אין קאפ, — און יאנקל, מיט זיין גוטסקייט, אינגאנצן געראטן אין דער מומע גיטל, האט



צוזאם מיט פרומעטן — אליין א מאמע שוין פון זעקס טעכטער, איר איטשע, דער „וואלבעראמער עילוי״, דעם וואלבעראמער מורה־הוראה׳ס, דעם „ליט־וואקס״ א זון, האט געגעסן קעסט, — געפירט גיטל־אסתרלס גאלאנטעריע־געשעפט.

יאנקל איז געווען דער וווייכסטער און שטילסטער אין גאנצן הויז. ער האט נישט געהאט צו טון מיט סוחרים, מיט וועקסלעך, מיט דער באנק, מיט דער בוכהאלטעריע, מיטן סקלאד — ער איז געשטאנען גלייך, שלאנק, עלעגאנט הינטער דער טאשעוואניע — דאס קליינע קײלעכדיקע היטעלע אויפן קאפ, דאס אקארשט שפראצנדיקע בערדעלע שיין אונטערגעבארשט, די געהאקטע יוביצע געפאסט, דאס שניפסל אינם קאלנער ווי ס׳וואלט געלעבט. דער בעסערער קונה איז גלייך צוגעגאנגען צו זיין טאשעוואניע. אסתר איז געשטאנען הינטער דער זעלבער טאשעוואניע מיט יאנקלען. ס׳האט געהייסן, אז פון אים וועט זי לערנען אמבעסטן צו באדינען א בעסערן קונה פון די בעסערע גאסן, אינטעליגענטע און קריסטלעכע. זי איז אים געווען צו דער האנט און פלינק און אין „פרייע שעהן״ האט ער איר דערלאנגט א פויליש ביכל, וואס ער פלעגט לייענען און ס׳איז אים געפעלן.

און פלוצלינג קומען אן רייכע מחותנים פון פיעטריקאוו און מ׳מאכט א ווארט — יאנקל ווערט א חתן! ווען אסתר האט אים אין דער פרי אין א „פרייער שעה״, ווען ער האט איר געוואלט דערלאנגען א בוך, געזאגט מזל־טוב, האט ער פארשעמט אראפגעלאזט די אויגן. דאס בוך איז אראפגעפאלן אויף דער ערד.

אסתר איז געווען צו קלוג, צו כאראקטער־שטארק, אז זי זאל מיט א מינע, מיט א ווארט עפּעס ארויסווייזן וואס אין איר גייט פאר: און מיט וואס פאר א רעכט? אבער געדריקט אין זיך האט זי! וואס מער זי האט פארשטאנען צו פארשטעלן אלץ מער האט עס ווי געטון, ביז דער דריק האט זיך צוזאמענגענומען אויף איין ארט.

אינגאנצן זיך פארשטעלן האט זי זיך אויך נישט געקענט. ווען יאנקל האט מיט איר געוואלט שבת אהינגיין צום פעטער ראובן אבא, האט זי אים געזאגט, אז זי פילט זיך נישט מיט אלעמען. און באמת, ווי האט זי געקענט אהינגיין: ווען ז׳יינען אהינגעגאנגען דעם ערשטן שבת אויסגעפוצטע, צעשטראלטע, האט דאך דער פעטער ראובן אבא זיי ממש שוין אויפגענומען ווי ריכטיקע חתן־כלה...

אבער ווען זי האט אים געזאגט, אז „זי פילט זיך נישט מיט אלעמען״, איז אויך געווען אמת, זי האט בלויז עס נאך נישט געוווסט...

נאך אייניקע וואכן, ווען זי האט צום ערשטן מאל אויסגעשפיגן אין טיכעלע אריין א שטיקל בלוט, איז זי בלאס געווארן. ס׳גאנצע בלוט איז אין איר פארגליווערט געווארן, אבער גארנישט, זי האט פארביסן נאך דינער די ליפּן און ווייטער באדינט דעם קונה.

ווען זי איז אהיימגעקומען האט זי אויך גארנישט אויסגעזאגט... וואס זאל זי זאגן? זי זעט דען נישט וואס דא טוט זיך, אז דא גייט צו גארנישט?...

אבער איר טשענסטאכאוו צו וואס האט דערפירט ?

איר כאראקטער ? איר קלוגקייט ? גיכער איר פארבארגענע און באהאלטענע קראנקייט האט זי גאנץ ארויסגענומען פון דעם כאאטישן ארום און געפונען איר נויטיקע רו און אויך אינערלעכע מנוחה ביי אירע פוילישע ביכלעך.

אבער איצט, אז זי האט דערזעען, אז מ׳ציט זיך טאקע קיין טשענסטאכאוו און אין א ליאדע טאג, האט זי גענומען פילן, אז ס׳מוז ארויס פון איר . . . די קראנקייט איז מסתם שוין געווען אויך אזוי ווייט, אז באהאלטן אין טיכעלע אריין האט מען זי שוין נישט מער געקענט . . . און אזוי שטייענדיק אויף דער לייטער איז „זי״ אינגאנצן ארויס . . . זי איז אראפגעפאלן אין א קאלוזשע מיט בלוט.

ליגט זי איצט אין בעט און שמייכלט צו זיך מיט דין־בלויע ליפן : נו, ווען ציען מיר זיך ? . . .

צומארגנס באלד אין דער פרי האט דער טאטע קודם געשיקט צו שלמהן א בריוול, אז ער זאל מתפלל זיין פאר זיין שוועסטער, וואס איז שווער קראנק און, למען השם, מיר גארנישט דערציילן דערפון און מיך האלטן דערווייל אין סאסנאוויצע. שלמה האט מיר געזאגט פארשידענע תירוצים און אין מיין פארטומלטקייט מיט שלמה מלכן האב איך זיי אנגענומען פאר גוט געלט. אויף די שבתים האב איך אויך שוין אומגעדולדיק געווארט, ווייל שרה לאה פלעגט ארויפקומען צו העלפן גרייטן דעם טיש און צו דערלאנגען ביי די שבתדיקע סעודות. מריםביילע איז דאך געווען ערשט די ערשטע וואכן נאך דער קימפעט . . .

דער טאטע, וואס האט ער געקענט טון אין זיין לאגע ? די שטוב, דאס הויז איז נישט געווען מער זיינס ; דאס געוועלב, אויף די פאליצעס די סחורה איז אריין אין די מטלטלין צום הויז, אפגעקויפט פונם פעטער חיימל.

לעבן האט מען געברויכט, און געלט דערצו נאך מער ווי פריער. דער דאקטאר, די רפואות, די אומנארמאלקייט אין שטוב, די מאמע האט זיך קיין ארט נישט געפונען. צימעלע איז געווען די „באמהארציקע שוועסטער״ . . . געהאלטן אין איין קאכן יאכלעך, צימעסלעך, האט דער טאטע גענומען די גמרא, דעם „בינה לעתים״ און געשטאנען א גאנצן טאג אין געוועלב. און איז אריינגעקומען א קונה, האט יענער זיך אליין גענומען וואס ער האט געוואלט און אנידערגעלייגט אזויפיל געלט וויפל ער האט געוואלט . . . דער חיסרון איז נאר געווען וואס דאס געוועלב איז געווען א רשות־הרבים : דא קומט ווער פרעגן מכוח׳ן חולה און כאפט א בליק אויף די פאליצעס ! . . . דער טאטע לאזט זיך אבער נישט שטערן : בכל דרכיך דעהו, נאר נישט פארקריכן זיך אויף א שמאל סטעזשקעלע . . . און מסתם איז ריכטיק אזוי איידער מ׳לאזט זיך ארויס אויף דער וועלט, מוז מען זיך לערנען גיין . . . אבער פארוואס קומט חיימל די לעצטע צייט אריין אלץ ווייניקער ? ס׳האט דאך געהייסן בפירוש : „קיינער יאגט דיך נישט, ס׳ברענט נישט״ . . .

ס׳לערנט זיך נישט מחשבות זרות מישן זיך אין קאפ. ער פארמאכט די גמרא : נאך געזעץ, לויטן נאטאר איז אלץ חיימל׳ס . . . אבער ווו איז אהינגעקו־



מען דאס פארמשכנטע טארבעלע צירונג ? איין שטיקל דערין איז דאך מער ווערט וויפל דער חוב דערויף . . .

ער וויל נישט מער טראכטן. ער ווערט קליינלעך : געלט, געלט און ווידער געלט . . . ניין דער „יערות דבש״ געוונגט נישט, די איינפאלן זיינען צו המצאות־דיק־קלוג . . . ער נעמט דעם „בינה לעתים״ אין האנטאריין. עס גייט נישט, עס טראכט זיך אלץ : און ווי איז טאקע לדינה לויטן „חושן משפט״, צי אפילו לויטן „אורחות צדיקים״ ? סוף כל סוף . . .

„איך גלויב, אז ער, חיימל, איז דא נעבעך דער ליידנדיקער . . . דאס טארבעלע צירונג האט שוין אסתר רייזל ווו באהאלטן״. און דער טאטע קומט צום באשלוס : ס׳איז נישטא קיין אנדערע עצה, נאר וואס שנעלער פון דא אוועק. ס׳קאן טאקע קומען נישט נאר צום נאטאר, נאר צו בושות פאר דער גאנצער משפחה — צירונג זיינען ווייבערישע זאכן, אפילו אן עגל־הזהב קאן מען דערפון מאכן . . . מ׳זעט אים נישט . . . ער וואלט אריבערגעלאפן צו חיימלען : מ׳מוז דאך אויסגעפינען א וועג . . .

אין ליידיקן מארק מיט די קיילעכדיקע, אויסברוקירטע שטיינער פארט אן מיט א רעש בריטשקע. דער אלטער סריבנע פארט אן ווי א כראביע. דער טאטע זעט ווי פון פעטער חיימלס געוועלב לויפט ארויס אקייגן דעם גאסט מקבל פנים זיין די מומע אסתר רייזל : „חיימל באווייזט זיך נישט״, ער האט, אפנים, מורא ארויסצוגיין, ער האט זיך מורא צו ווייזן . . . ווי דאס הארץ טוט מיר וויי פאר אים. ער האט אים ממש ליב, דעם חיימלען.

ווען די מאמע איז ביינאכט אהיימגעקומען פון אירע ארומלויפענישן, האט זי קיין ווארט נישט געזאגט. דער טאטע אויך נישט : ביידע האבן געוווסט וועגן וואס דער אלטער סריבנע איז געקומען . . . מסתם האט אים די טאכטער געשריבן . . . דער אלטער וואלד־מעקלער און הויף־פאקטאר ; בוררותן, סכסוכים, סענדזשיעס נאטארן איז פאר אים ווי וואסער פאר א פיש . . . דער טאטע האט נאר געטראכט : וועט אים אסתר רייזל זאגן עפעס פון דעם טארבעלע, אדער וועט זי זיך פאר אים אויך נישט וויסן מאכן ?

בשעת דער טאטע האט געדאוונט מעריב, האט די מאמע געגרייט צום טיש. עס איז געווען א מין סעודת־הודעה. אסתר איז דעם טאג ס׳ערשטע מאל אראפ פון בעט און דער דאקטאר האט געזאגט, אז ס׳איז גארנישט וואס חושד צו זיין, אז אלץ גייט כשורה.

די פאר וואכן קראנק זיין, דאס ליגן אין בעט, צימעלעס מסירת־נפשדיק פארען זיך ארום איר, דער מאמעס נערוועזע פלאטערן איבער איר, דעם טאטנס ערנסט אריינקומען און שטיין ביי איר בעט א טרויעריק־פארלוירענער, ווי א פארשולדיקטער, — מיטן זעלבן זיך פארשטייענדיקן שמייכל באגעגענען זיך זייערע בליקן ! — האט איר פארשלאסענער כאראקטער אויפגעשלאסן, ווען נישט אפן צו די אנדערע, אבער צו זיך : דער מענטש איז דאך נישט אליין, א מאמע איז א מאמע און א שוועסטער איז א שוועסטער . . . און מיטן טאטן פארשטייט זי זיך דאך . . .

דער טאטע האט זיך ביים טיש געפילט אויב נישט יום־טובדיק, כאטש

חול־המועדיק: ס'איז נישט טשעלאדזש מער, נאך נישט טשענסטאכאוו, אבער די שטוב פילט ער איז א שטוב; ווי ווייט די מאמע זאל נישט גיין אין איר צעפלאטערטקייט, אבער איר הארץ וועט תמיד פלאטערן ארום דער שטוב, ווי א פויגל ארום זיין נעסט.

צימעלע האט געוואלט העלפן באדינען צום טיש, האט די מאמע נישט געלאזט. און ביי יעדן מאכל האט זי געהאט איר מעשהלע, א טאג פון ארומלויפן און פול מיט מחיות — די שטוב איז פול געווען מיט איר געלעכטער און דער טאטע האט זיך צייט גענומען ווי ביי א יום־טובדיקער סעודה: וואס קאן מען נישט אלץ מכוון זיין ביז מ'נעמט א לעפל צום מויל צו...

ביים גיין אריינברענגען די טיי מיט לימענע האט די מאמע אויסגעטון די ברייטע שירץ אין דער קיך, און אריינקומענדיק מיט דער טאץ א צעפונקלטע פון די גלעזער אינם אויפגייענדיקן ווארעמען הויך פון דער פריש־פאבריטער, שמעקעדיקער וויסאצקי־טיי, טראגנדיק זי אזוי ברייט איבער דער סאמעטענער בלוזקע, וואס זי האט אנגעטון לכבוד דער סעודת־הודעה, האט אראפגעשיינט די פארדראפירטע בראש, האט די שטוב אויפגעלויכטן גלייך ווי דער בליץ־לאמפ וואלט געווען אנגעצונדן און די שבת־לייכטער וואלטן געשטאנען אויפן טיש — אלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט אויף די פאר שריט פון דער שוועל ביז צום טיש און די מאמע האט זיי נאך מאיעסטעטיש פארלענגערט.

אוועקשטעלנדיק די טאץ און זיך זעצנדיק צום טיש: האט זי פריילעך, יום־טובדיק אנגעהויבן: „און איצט וועל איך דערציילן פון דער בראש". און קוקנדיק אויפן טאטן מיט איר גאנץ פארטרויען: „ווייסט, מ'דארף נאר האבן גאט אין הארץ, און אלץ איז גוט דעמאלט".

* * *

איבערמארגן, נאכן ברית, דאנערשטאג, ביים אהיימקומען פון בית־מדרש, זאגט מיר שלמה: „אזויווי דו האסט דאך דא דיינע שבתדיקע זאכן, בלייב דא שבת". איך בין זייער צופרידן געווען דערפון. איך בין אזוי פארטון געווען מיט מיר, אז כ'האב גארנישט חושד געווען, אז הינטער דער איינלאדונג שטעקט א שלעכטע נאכריכט פון דער היים.

איך האב „געוווסט", אז מיר וווינען שוין אין טשענסטאכאוו, איך האב דאך די אַדרעס, קרוטקא 36: מילא וועל איך א וואך שפעטער אהינקומען! דאס געזעגענען מיט שלמה מלכן איז מיר אויך שווער אנגעקומען. איז דאס אפלייגן אויף א וואך אויך מיר געווען ניחא...

שרה לאה האט גענומען פארנעמען אלץ א גרעסערן פלאץ אין מיין פאנ־טאזיע, ניין, אין מיינע אויגן: יעדעס פעלטעלע פון איר פנים, ווען און וויאזוי, יעדער מיגניע פון איר בליק, יעדער באוועג פון אירע ליפן; כ'האב שוין געוווסט ווי זיי וועלן אויסזען, נאך א שמייכל, נאך אן אויפלאכן, בשעתן ריידן מיט איר מאן. אמליבסטן האב איך דערויף געקוקט אין פראפיל. עס האט אויסגעזעען ווי אויסגעשניטן. די מינדסטע ענדערונג דערין האט זיך באוויזן מיט אנדערע ניואַנסן. אויב איך דערשפיר אינמיטן קוקן אויף איר, אז זי ווער באמערקט עס, האב איך שנעל אוועקגעכאפט דעם בליק, איז עס נישט געווען,



ווייל כ'האב מיך געשעמט: וואס איז זיך דא צו שעמען? זאל נאר קיינער נישט זיין קיין מיט־שותף צו מיינע זעענישן... דער עיקר זי, שרה לאה, זאל זיך נישט כאפן... קוקנדיק אויף איר, האב איך געפילט ווי מיינע אויגן־אפלען ווערן פולער און בולטער, מיינע פולע ליפן אנגעפילט מיט אזא „זאנפ־טיקע" זאפטיקייט.

בלויז ווען שלמה יודע, איר מאן, איז געזעסן ביים טיש, האב איך געפילט, אז איך באגיי עפעס, און נישט געוווסט וואס. דעם „עפעס" צו פארדעקן האב איך גענומען ריידן, שמועסן אין לערנען און דערציילן פון דער היים... איך האב גענומען פילן, אז איך פארדעק עפעס... איך האב דאס שושקעדיק־סודותדיקע ארום „זיי", דעם נישט גוט צוגעפאַסטן פאר, דעם נישט עולה־יפהדיקן זיווג געוווסט, און עס גאנץ אויסגעמעקט פון מיין זכרון, אבער דאס פנים שרה לאהס איז מיר געבליבן שטיין אין די אויגן. עס האט נישט געהאלפן עס אויסצומיידן, נאר ווען שלמה יודעס פנים האט זיך באוויזן מיט די פארבי־סענע ליפן אונטער דער שווארצער בארד און וואנסעס, איז עס צערונען.

ביים לערנען אסך מאל, שלמה מלך גיט מיך א טארע: „וואס טראכטסטו? וו'ו ביסטו פארפלויגן?" האב איך מיך שנעל געכאפט און אים א קוק אן געגעבן מיט מיינע פארגאפט־אויפגעריסענע אויגן, א דערשראקענער: צי ווייסט ער נישט שוין? אלץ קאן ער דאך פון מיין פנים אראפלייענען — ניין, ער ווייסט גארנישט.

איך האב שוין אנגעהויבן צו האבן מיינע סודות. איך האב נישט געוווסט פארוואס אייגנטלעך מוז איך עס האלטן פאר א סוד... ניין, ס'איז נישט קיין סוד, ס'איז אזא שפילעכל, וואס אמבעסטן באהאלט מען עס אין זיך, אזא שיינקייט, וואס דו ווילסט אליין דערויף קוקן; אזוי האב איך געוואלט קוקן אויף דער מאמען, מסתם, ווען כ'האב געוואוסט זי זאל מיך אנזייגן — כ'האב מיך גארנישט געקענט אנזעטיקן מיטן שיינעם פנים.

וואלט שלמה מלך נישט געווען, נישט אויסגעפילט מיינע טעג מיט עלוישע פאנטאזיעס, זיין לערנען מיט מיר צוזאם, זיין כסדרדיק דערציילן מיר פון זיך, פון אלעם ארום, וואלט איך מסתם אריינגעפאלן אין מיינע קינדישע פאנטאזיעס פון אמאל: „די מעשה מיטן בער", דעם בוידעם איבערן פעטער חיימלס הויז, דעם קעלער ביי מענדל זילבערשאץ, דעם קאטעריניאזש מיט די אויסגעמאלטע פאננעס, וואלטן ווידער גענומען שוועבן פאר מיינע אויגן; אזוי, אז דער טאג איז געווען אויסגעפילט, האבן מיינע חלומות האבן אנגעהויבן צו ארבעטן. נישט אדורך איין נאכט אן וואונדערלעכע חלומות, איינער פאנטאסטישער ווי דער אנדערער, און איבער אלעם דאס שיינע פנים: אט קומט עס ארויס פונם קעלבאס געשעפט מיט א שטיק קעלבאס אין דער האנט און דערלאנגט עס דעם לאמען קאטעריניאזש. ער האצקעט צו מיט דער שפילנדיקער קאטערינקע, דער בער מיט די צעשפרייטע לאַפעס אן אפגעריסענער פון דער צעקלינגטער קייט.

„געב נאר א קוק, כ'בין דאך שוין דא פון דאווענען, און דו שלאפסט נאך? שרה לאה וועט דאך באלד אריינברענגען דאס אנבייסן" איז שלמה

געשטאנען איבער מיין בעט מיטן טלית־און־תפילין־זאק אונטערן ארעם.

איך האב מיך פארשעמט אויפגעכאפט. שנעל געגומען אנטון. כ׳האב דער־פילט: פונקט ווי עס איז דא א תאוות אכילה איז אויך דא א תאווה צום שלאפן. מיט וואס פאר א געשמאקן שלאף כ׳בין געשלאפן: די סלינע איז מיר נאך גערונען פון מויל . . .

און אין א פרייטאג, באגלייטנדיק שלמה מלכן צו דער איוואנגאראדער באן, אנטרעפנדיק מאנעלען און געוואר ווערנדיק דעם גאנצן אמת, בין איך שנעל ארויפגעלאפן צו שלמהן נעמען די שבתדיקע זאכן און אים זאגן — זע איך א ייד זיצט אים קייגנאיבער און שלמה זיצט און וויינט. איך בין געווען זיכער, אז דאס האט אים דער ייד געברענגט א שלעכטע ידיעה, אז אסתר, חלילה, —

דעם יידס אבלדיקע מינע, די אלע אפענע ספרים אויפן טיש און אלץ אין הלכות אבלות . . . עס איז שוין ביי מיר קיין שום ספק נישט, און איך וויל שוין אויך אויספלאצן, נאר דא הייבט שלמה אויף א פאר פארטערטע אויגן צום ייד: „ר׳ משה, איר וועט מיר מוחל זיין, חילול שבת, אזא קלאפ איבערן קאפ“. שלמה זעט דעם יידס נאך מער פארטרויערט געווארן פנים און רעדט ווי צו זיך: „אין השואל רשאי להשאיל, וואס האב איך אייך געהאט צו פרעגן, יענעמס סודות ארויסצוגעפינען. א ייד קומט מיט א שאלה, ענטפערט מען“. זיין הייזעריק באפעלערישער טאן ענדערט זיך. ער ווענדט זיך גוטמוטיק דירעקט צום ייד: „נאטירלעך, אז עס האנדלט זיך בפירוש אין אייער פרנסה, וועט איר קאנען גיין מאנטאג צו אייער ארבעט. אבער ביינאכט, ווען איר קומט אהיים, וועט איר מוזן אפהיטן אלע דינים פון דער שבעה“.

ווען דער ייד איז ארויסגעגאנגען האט שלמה גארנישט געקענט קומען צו זיך, געשטאנען איבער די אלע עפענע ספרים און זיך נערוועז געריבן ביים קאפל: „א ייד ארבעט אין שבת, ל״ט מלאכות, אסור סקילה, און אז עס האלט ביי כבוד אב, דעם לעצטן חסד של אמת . . . ס׳איז סאסנאָוועצ, א גרויסע שטאָט, ס׳איז נישט טשעלאדזש, גאנץ אנדערע שאלות . . .“

איך האב ארויסגעפלאצט: „ווען איך בין אריינגעקומען, האב איך מיך אזוי דערשראקן, אז כ׳האב געמיינט, חלילה . . . כ׳האב געטראפן מאנעלען, האט ער מיר אלץ דערציילט“.

שלמה האט זיך פארשעמט, ווי כ׳וואלט אים געכאפט ביי אן עבירה: „דער טאטע האט מיר בפירוש געשריבן כ׳זאל דיר זאגן כל התירוצים דו זאלסט נישט אהיימפארן . . . אם ירצה השם קומענדיקע וואך, מ׳וועט הערן“.

דעם אנדערן פרייטאג אין דער פרי איז דער ייד ווידער אריינגעקומען. ער האט אויסגעזען ווי איינער, וואס קומט נישט מיט קיין שאלה, נאר א בשורה אנזאגן: „רבי, כ׳האב א גאנצע וואך נישט געקענט איינרוען, כ׳האב געזעען ווי ס׳גייט אייך אין לעבן. כ׳האב באקומען אן אנדערע ארבעט, און נאך א בעסערע. כ׳האב געמוזט אייך ארויפקומען זאגן, ווייל כ׳האב אייך מצער געווען“

שלמה איז אינגאנצן ארויס פון די כלים: „ר׳ משה, איר האט מיך באמת מחיה געווען . . . אברהם נחום, ברענג אריין צוויי גלעזלעך, כ׳וועל טרינקען מיט ר׳ משהן לחיים. כ׳וועל אייך אנווינטשן . . . כ׳מיין איר וועט מיר אנווינטשן



שבת היא מלזעוק. כ׳האב א קראנקע שוועסטער, אסתר בת פראנדל גענענדל“. דער ייד איז געשטאנען א צעטומלטער, א פארלוירענער און שלמה איז אריין אין אלץ גרעסערער התלהבות.

אין דער קיך איז געווען שרה לאה — מרים ביילע איז נאך געשלאפן. די קעכין איז געגאנגען מיט די חלות צום בעקער — זי איז גאנץ רויט געווארן ווען זי האט מיך געזען איך מסתם אויך, כ׳האב געפילט ווי א היץ באַשלאָגט מיך, ווי פון אונטערן בויך . . . איך האב שנעל געזאגט וועגן די גלעזלעך, ווילד מיך א לאז אראפ געגעבן פון די שטיגן און אן א זיי געזונט — אן מיטצונעמען די שבתדיקע בגדים, מיך געלאזט אויפן וועג קיין טשעלאדזש.

דעם וועג ביז אלט סאסנאוועצ ביז צום וועלדל, בין איך ממש געלאפן, ווי מ׳וואלט מיך נאכגעיאגט, ווי דער בער וואס האט זיך אפגעריסן פון דער קייט . . . בעסער, אז כ׳וועל מיך נישט געזעגענען מיט שלמה מלכן, אז שרה לאה ווייסט שוין, ווייסט דאך שלמה מלך אודאי. און איך האב אנגעהויבן נאך שנעלער צו לויפן: א סוף — שלוס — אויס! און מיט דעם ריטם בין איך אנגעקומען אינם שיטערן מילעוויצער וועלדל: ניין, נישט איבער מילעוויץ, כ׳וועל מוזן אריינגיין צום פעטער יידע פייוול, צו דער באבען . . . כ׳וויל קיינעם נישט זען . . . כ׳וויל צום טאטן מיט דער מאמען. אויף איר באוועגלעך פנים, אין אירע ליכטיקע, בלויע אויגן, אויף די קלוגע באוועגונגען פון איר געטאקטער נאי קאן איך קוקן וויפל איך וויל. כ׳האב גארנישט צו פארדעקן, גארנישט אויסצובאהאלטן — זי וועט נישט רויט ווערן! און פארן טאטן האב איך גארנישט צו באהאלטן!! ווי האב איך געקענט מיך געזעגענען מיט שלמה מלכן און טראגן א סוד באהאלטן פון אים?

אויף די פיאסקעס האט מיך אנגעיאגט מאנעלע מיט זיין פערדל. עס האט זיך אפגעשטעלט מיט א סאפעדיקן הירזש, עס האט מיך מסתם דערניוכעט פון דער ווייטנס . . . מאנעלע, מיך דערזעענדיק, איז אראפ א פריילעכער פונם וועגעלע: „כ׳האב געמיינט וועסט קומען אויף דער באן. אסתרן גייט עס אסך בעסער. גוט, כ׳האב דיך געטראפן. לויט מען שמועסט אין טשעלאדזש, ציט עטץ ענק באלד אוועק. דער אלטער סריבנע איז נעכטן אנגעקומען ווי א שליאכ־טשיץ קיין טשעלאדזש. לויט ווי ער זעט אויס, איז ער ווידער אין די פעדערן. מסתם עפעס אויסגעפירט א בוררות ביי א פארמשכנטן פריץ און אפגעלעקט א גוט ביינדל“. מאנעלע איז נישט מיד געווארן. עס האט זיך פון אים געשיט ווי קארטאפל פון א לעכערדיקן זאק: „ווייסט, מיר וועלן ביידע גיין צופוס. פאר אונז ביידן וועט קיין פלאץ נישט זיין און פאר דיר צו זיצן אויף א זאק קארטאפל וועט אויך נישט טויגן. און איך האב דיר נאך גאנצע זעק מיט מעשיות צו דערציילן. מיטן נייעם מורה הוראה, מיט לייב הערשן, טוט זיך אויך שוין“ מיר זיינען געגאנגען הינטערן וואגן. דער גרויסער מאנעלע, געבויגן איבער מיר, האט געהאלטן אין איין דערציילן, און דאס פערדל האט געשטעלט שטילע טריט אינם פיאסקעווער זאמד, ווי ס׳וואלט זיך געוואלט צוהערן און אויך כאפן א ווארט.

מיינע ישיבה־טעג זיינען נישט געווען לאנג, אפאר וואכן קוים, אפילו

נישט קיין גאנצן זמן. אבער אפשר ווייל זיי זיינען געווען אזוי וויניק — אויפן שפּיץ מעסער קוים! — פיל איך זייער אפּעטיטלעכן געשמאק אלע מיינע טעג. אפשר קוים צוואנציק בלאט גמרא מיט מפרשים אין יענע וואכן אדורכגעאַר־בעט, אבער מיט אזא חברשער ליבשאפט, מיט אזא געשמאקער ווארעמקייט זיך צעגאַנגען אין אלע ביינער, אז ס׳איז דאך מיר געבליבן פאר מיין גאנצן לעבן.

* * *

אסך וואסערן זיינען אנגעלאפן, אסך טרערן, אבער בסך־הכל איז ער א פּאר וואכן נאר געווען דער בין־הזמנים אין מיין לעבן, און אין איינעם א טאג האט מען אלץ געלאזן שטיין, פארפּאקט בלויז די בעבעכעס, ווי מ׳זאגט, און דעם טאטנס ספרים און אפּגעצויגן קיין טשענסטאכאוו.

ביי מיין אנקומען, ס׳איז געווען פרייטאג, נאך פאר צוועלף, איז דער טאטע געשטאנען מיטן זוהר און א פּארטיפּטער אין מעיין זיין — ער וועט דאך אין געוועלב נישט מעביר סדרה זיין שנים מקרא ואחד תרגום. דערצו איז דאך די נגינה נויטיק, דער טראפּ. ווען ער האט מיך דערזען, האט ער זיך מיט מיר דערפריידט, ווי מיט א גרויסן, ווי מיט זיינס גלייכן, ווי מיט א חבר, מיר געקלאפּט אין דער פּלייצע: „דו ווייסט גארנישט ווי דו האסט מיר געפעלט . . . דו זעסט דאך, שמייכלט ער הלצהדיק, כ׳בין געווארן א גאנצער סוחר״.

צימעלע האט געגרייט דעם שבת אין קיך, זיך געפּארעט ארום אסתרן. די מאמע איז אריבערגעלאפן צו באטשען אויף א שמועס און זי וועט שוין אפּשטיין ביז פאר לעכט־בענטשן, א, זיי האבן זיך געהאט צו דערציילן, פון האַלטעקן, פון זיידנס פעטערס און מיר האבן געהאט צייט גענוג אלץ אדורכצורייידן. דער טאטע האט זיך געהאלטן מיט מיר עצות און איך האב אים פון שלמה מלכן נאכגעזאגט זיינס א קשיא, שלמהס א פּלפּול. אויף סיגא דרוב האב איך שוין געהאט גאנצע פּשטלעך, מיינע אייגענע . . . כ׳האב דעם טאַטן אויך נישט געקענט אלץ דערציילן, מיטן רעדן אין לערנען, מיטן „נאכזאגן״ האב איך שוין געוואָלט פאַרדעקן פאַרן טאַטן נישט נאר שלמה מלכ׳ס מעשיות׳ס, דאס וואס גייט פאר אין די נעכט אין סאסנאָווצער בית־מדרש, נאר דאס וואס גייט דאָ איצט פאר מיינע אויגן, פאַרן טאַטנס אויגן . . . כ׳האב פארשטאַנען און עס פאַרדעקט — איך בין שוין מיט אַריינגעצויגן געוואָרן אין די קאָנספּיראַציעס!

פאַרן פענסטער איז געשטאַנען ראובן ליווערס פערד און וועגעלע. אַלע פרייטיק פלעגט ער ארויסקומען ראובן ליווער מיט דער רויטער צעפּאָבעטער באָרד, מיט צעפליגלטע פּאָלעס, מיט גרויס ברייטע שפּרייזן לויפן איבערן מארק און צוזאמשלעפּן פון די אַרומיקע געסלעך די נאַסע פעלן פון די קצבים און קיילערס און שנעל אַהיימפּאָרן, כדי נישט צו מאַכן קיין שטאָך אין שבת.

זע איך פּלוצלינג דורכן פענסטער ווי שרולקע דרייט זיך מיט א פיין פּאַר־פּאַקט פּעקעלע, קוקט זיך גנביש ארום אין אלע זייט און גיט עס א שטופּ אַרונ־טער אונטער א זאק מיט פעל.

איך האבן שוין דערקענט אין דעם פיין פארפּאַקטן פּעקעלע וואס דאס איז — „ליטעראַטור״! שלמה מלך האט מיר דאך געזאָגט: כדי נישט צו



פאַרבייטן די יוצרות, גייט די ציוניסטישע „ליטעראטור״ דורך טשעלאַדזש.

שרולע דעם שוחטס איז ביי מיר אויסגעוואַקסן מיט צען קאָפּ. איז ער דאך אויך איינער פון דער חברה! און ווי פלינק און געשיקט ער מאַכט דאס. ער וועט זיך מסתם אויפכאַפּן אויפן וועגעלע, אין בענדין אויף דער בריק וועט ער א שפּרינג אראפּגעבן, א צי אפיר געבן דאס פיין־פאַרפאַקטע פּעקעלע, שא־שטיל ווי קיינמאל גאר נישט און עס אפּליווערן ווו מען ברויך.

דער טאַטע האב איך געזען האָט הנאה פון מיין ריידן, אבער ס׳איז שוין געוואָרן צופיל, „עפּעס רעדט ער צופיל״ . . . און מיך דעם גאסט מכבד צו זיין, אויף פונם וועג ס׳הארץ מיר צו דערכאַפּן, האט דער טאטע אנידערגעש־טעלט אויף דער טאשעוואניע די פודלע מיט כאלאווע. ער האט געוווסט אז איך האב עס ליב געהאט.

„כ׳וועל אויך אריינווארפן א ווארט, האט ער הלצהדיק־שמייכלענדיק געקוקט אויף דער פודלע, וואס איז שוין באלד אויסגעליידיקט געווארן און אויף מיר. פארגעסנדיק, אז כ׳רעד מיטן טאטן, אז מ׳רעדט אין לערנען שטופּ איך נאשנדיק שטיקער כאלאווע אין מויל אריין: „וטועמה חיים יזכו״, אז מ׳איז נאר טועם פון זאכן. נישט מען פּאקט עס אין זיך ווי אין א קישקע אריין —״ איך בין רויט געווארן און אנגעהויבן מיך אים צו פארטרויען: „כ׳ווייס טאקע נישט עפּעס אין סאסנאווצע, זייט כ׳בין אהינגעקומען די תאווה מיינע צום עסן, צום שלאפן און מיינע רעיונות, כ׳מיין מיין ראיה, מיינע אויגן . . .״

כ׳וויל ווייטער ריידן און דער טאטע האקט מיר איבער: „מ׳טאר נישט ריידן מיט אזא ביטול צו תאווה. כ׳זע דאך, אז דיין תשוקה צו לערנען איז אויך געווארן שטארקער — צו אלץ איז נויטיק תשוקה. מ׳טאר נאר נישט ווערן קיין שכם בן־חמור, ס׳מוז זיין ,ויט שכמו לסבול׳, מ׳מוז דעם ,חשק׳ אריינלייגן אין דער גמרא״. דער טאטע האט זיך געפריידט, אז ער קאן שוין מיט מיר ריידן אפילו פון אזעלכע ענינים אויפן ווונק, מיט א ווארט, מיט א רמז . . . ער האָט איבערגעריסן: גיי דאך אריין צו אסתרן, זי ברויך נאך רחמים גדולים. „ער איז טרויעריק פארטראכט געווארן, אבער שנעל א פארקנייטש געטון די אויגן איבערן זוהר.

אייניקע טעג האט עס קוים געדויערט די געמיטלעכקייט. קוים צייט געהאט מיך אנצופרייען מיט אלטערן, זען אברהמען, אריינגיין צו לייב הערשן, ישראָלען דעם שוחטס, וואס כ׳האב געברענט צו זען, אינגאנצן נישט געזען! — ווי ס׳איז פּלוצינג אנגעקומען די ידיעה, אז דער ראדאמסקער רבי איז נסתלק געווארן. דער טאטע האט זיך צעוויינט ווי א קינד. אלע שוועריקייטן אין הויז זיינען אין איין רגע פארגעסן געווארן און אלע סכסוכים — בטל געווארן.

ווען דער פעטער חיימל איז אריינגעקומען און ארויסגעפירט דעם פאַר־וויינטן און פאראבלטן טאטן צו דער בריטשקע, — וואס ער האט גיך געכאפּט, כדי נאך צוכאפּן דעם שנעלצוג צו קומען צו דער לוויה, — איז שוין אויף איר געזעסן ר׳ לייבוש סריבנע.

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען טרויעריקע, האט מען שוין געוווסט, אז ר׳ שלמה הענעך, דעם רבינס זון און מינטשעס איידעם, דער גאנצער אנפירער

פון אירע טוך־געשעפטן און וועב־פאבריקן וויל בשום אופן זיך נישט זעצן אויפן פאטערס שטול: „וואס ווילט עטס פון מיר? איך בין א סוחר”. — איז ר׳לייבוש סריבנע אריין מיטן טאטן אין געוועלב און געהאלטן אין איין באוויזן, מכתם פון ראדאמסק אן דעם גאנצן וועג, — אז דער איינציקער וועג וואוהין ס׳מוז איצט פירן ראדאמסקער חסידים איז נאך קרימיליעוו צום זון פון „חסד לאברהם”. ר׳ לייבוש סריבנע דער „פעלדמארשאל” פונם קרימיליעווער הויף איז קלוג גענוג געווען נישט צו דערמאנען דעם „תפארת שלמה” — ער האט געוווסט די שפאלטונג פון דער ראדאמסקער דינאסטיע. ער האט געוווסט, אז דער כוח פונם קרימיליעווער, איז זיין קליסתר פנים וואס איז אינגאנצן פונם „חסד לאברהם” — זיין חסדותדיק הדרת פנים. אבער ראדאמסקער יונגעלייט האבן מיט ר׳ יחזקאלען געוואלט צום תפארת־שלמהדיקן תפארת שבתפארת.

„ר׳ לייבוש, איר זענט דאך פון יענע יונגעלייט געווען וואס האבן נאך געקענט דעם „תפארת שלמה” . . . עס גייט דאך נישט אין פארעכטס, אין שניידן די קוילעטשן און עסן קוגלען. עס גייט דאך אין „דרך”. עס זענען פאראן אנגעהויבענע דרכים, וואס מוזן ביז צום סוף דערפירט ווערן . . . ר׳ לייבוש, כ׳ בעט אייך, איר זענט דאך א בעל־שכל”. דער אפגעהאקטער שמועס איז נאך אסך מאל ווידער אנגעהויבן געווארן. און ווער ווייסט וויפל מאל דער טאטע וואלט געקענט מסיים זיין ש״ס, און די פאליצעס וואלטן נאך אלץ נישט ליידיק געווען.

אונזער וווינען אין טשעלאדזש וואלט זיך געקענט פארציען אזוי אין א לאנגער באנק אריין, אז עס וואלט שוין נישט קיין אונטערשיד געווען, און וועם וואלט עס אנגעגאנגען וועמען דאס הויז געהער . . . חיימלס? אונזערס?

די באבע אין מילעוויץ האט עפעס געמוזט הערן פון דעם שטילן סכסוך: מיר ציען, מיר ציען נישט . . . מיר קענען נישט ציען . . . „אסתר רייזל זאגט ס׳גלוסט זיך אונז נישט, פארלאזן די אויסגעווארעמטע נעסט” . . . און ארויסקומענדיק מיטן פעטער יידע פייוול אסתרן מבקר חולה זיין, נאטירלעך מיט אנגעשפראכענעם קאנדל ציקער און פלעשלעך בוימאייל! — האט זי א זאג געטון צו אים: „פאר אהיים, איך בלייב דא וווינען אין מיין הויז”. עס האט געהייסן: אדרבה, זאל זי מיך דא טרייבן פון דאנען! מילא, חיימל האט באצאלט די היפאטעקן. איז דאך א סימן, אז ער האט געהאט צו באצאלן . . . „די אלטע האַלטקאַווע לעבט נאָך!”

מיט דער באבען חיה רבקה איז נישט געווען קיין חכמות צו מאכן! אז זי האט זיך צעלאכט, האט דער מארק געהילכט; און אז זי האט געשפאנט איבער אים, האבן די שטיינער געציטערט: „מ׳וועט מיינע קינדער פארטרייבן פון טשעלאדזש” ?!

חיימל איז געווען א קינד, איר בן זקונים, אבער דער טאטע איז געווען איר שטאלץ, איר עולם הזה און עולם הבא.

אבער אין איין טאג איז אלץ געשעען! ישראל יצחק, דעם טאַטנס יוגנד חבר, פון די שאַרפע חסידים פון בענדינער שטיבל, האט זיך א פאראבלטער אריינגעשארט אין געוועלב אריין. דער טאטע האט אים דערזען. האבן



זיי זיך ארומגעכאפט ווי צוויי פארוואַרלאזטע יתומים־ברידערלעך ווען זיי געפינען זיך, און ישראל יצחק געשטאַרקט אין זיין שליחות האָט דירעקט אָנגעהויבן:

„דו זיצסט דיר דא איבער דער גמרא און פטור. דו ווייסט דען וואס עס טוט זיך? אין דיין טשענסטאָכעוו, אויף דער אלטער ראנדע, אין קאזאצקער שטיבל, פאטשט מען זיך שוין ביזן נייעם מארק אריין. דו ווייסט דען וואס די טשענסטאכאווקעס זיינען פעאיק? ישראל איז א באבע, אבער משה מיט זיין גארגל, דאס איז א גענעראל. קודם האט ער שוין באזעצט אין טשענסטאכאוו אויפן ליידיקן מורה־הוראה פלאץ זיין איידעם, דעם ווידאמער רבס זון, דעם אלטנס אייניקל. און אז דעם רבינס שטול אין ראדאמסק וועט מסתם אויך נישט שטיין לאנג ליידיק, ער וועט אויך שוין געפינען עמיצן... אַ גענעראל מוז האָבן א קסר, עטא בודיט קרול” . . .

„איז וואס, וואס ווילסטו פון מיר? מילא, מיט טשענסטאכאוו רבנות האסט דו נאך אפשר געקענט האבן טענות צו מיר, אבער —”

„דא איז נישטא קיין שום אבער, מיר טארן נישט ווארטן קיין מינוט. אויב נישט, איז ראדאמסק צעריסן . . . עס פעלן נישט קיין אייניקלעך — ר׳ משהלס, די ראדישיצער . . . נישט נאר גאַליציע, פוילן ווימלט שוין אויך מיט אייניקלעך . . . די יונגעלייטלעך פון אונזער צייט פעלן אונז היינט! דיין בחור דא איז אן עדות אויב, חלילה, ראדאמסק ווערט צעריסן, טוען מיר דא אן דעם ספאדיק אין בענדין דיר, און פיר דו דא”. דער צער פון א צעשטערטן שבט, וואס דער ראש איז אוועקגעגאנגען און נישטא קיין יורש אויף זיין ארט, האט פון אים ארויסגעשריגן, ארויסגעיאָמערט.

„ישראל יצחק, בארויק דיך, רעד דאך ווי א מענטש. וואס טוט זיך? זאג דאך מיר גענוי מיט אלע פרטים. דו ביסט דאך מיט עפעס ארויסגעקומען”.

„עס איז באשלאסן געווארן, אז דו — דער קאמינסקער רב, דער דאמבער רב פארן אויפן היינטיקן שבת קיין ראדאמסק. דארטן ביי יאנקלען אין האטעל וועלן שוין זיין דער לוקאווער רב, דער פיעטריקאווער דיין, פון טשענסטאכאוו פארן אריין לייבל קאנטער און ראובן פונם יונגעלייט־שטיבל, — אין דער מהומה האבן זיי געגרינדעט א יינגעלייט שטיבל! א כרוז איז צעשיקט געווארן אין אלע שטיבלעך אריין איבער גאנץ פוילן, קיין קראָקע אז דער עולם זאל זיין אין ראדאמסק. פרייטאג נאך דער מקווה גייט איר פארויס און דער גאנצער עולם נאך, אריין שלום נעמען”.

„און אז מ׳וועט נישט אריינלאזן?” האט דער טאַטע איינגעהאַלטן שטיל געפרעגט.

„האקט מען אויף די טיר, מ׳כאפט אים אראפ ס׳היטל און מ׳טוט אים אן דעם ספאדיק”.

דער טאטע פארטראכט זיך: „אפשר ריידן צוערשט מיט מינטשען?”

„טוט וואס איר ווילט”. האָט ישראל יצחק רעזיגנירט אויסגעלאָזט און איז ממש אוועקגעפאַלן אויפן בענקל און געבליבן זיצן אין זיין פאראבלטקייט.

דער טאטע האט גענומען זיין ברייטע, גרויסע בארד אין ביידע הענט אריין און פארטראכט געקוקט דא אויף מיר, דא אויף ישראל יצחקן: פאר טשענסטאכאוו האט ער שוין קיין מורא נישט. זיין משפחהס פלאן, אז ער זאל ווערן טשענסטאכאווער מו״ץ, וואס קומט אים בירושה פון פאטער, פאר דעם האט ער דאך שוין קיין מורא נישט — דער פלאץ איז דאך שוין באזעצט. שוין אויסגעכאפט געווארן. דעם רבין פארשטייט ער דווקא גאנץ גוט . . . ער האט אייביק געהאלטן פון זיין אייזערנעם שכל . . . אבער דער עיקר מסתם איז מינטשע. זי האט פשוט מורא אירע גרויסע מסחרים וועלן ליידן, אז דער רבי וועט זיין פארטון אין רביסטווע. פאר אים איז איצט קיין אנדערע עצה נישט ווי זיך צו ציען קיין טשענסטאכאוו. דא קומען אן נייע סכנות . . . דער טאטע האט זיך אויפגעשטעלט: „הער, ישראל יצחק ס׳איז גוט, אז ביסט דא. ווען האט איר באשלאסן מוז איך זיין אין ראדאמסק? פרייטאג? היינט איז מיטוואך, העלף מיר איינפאקן ס׳ביסל ספרים. די אלע מטלטלין ארום דא בלייבן שטיין. מיינע וועט איינפאקן דאס וואס ליגט און הענגט אין די שענק״.

פון דעם מאמענט אן, ווען ישראל יצחק האט געזאגט: „דיין בחור איז אן עדות״, בין איך שוין געווען איינער פון דער קאסטע, איך האב געברענט, כ׳בין ווילד געוואָרן נייע כוחות האָבן זיך אין מיר געריסן און עס האט מער נישט עקזיסטירט נישט טשעלאדזש, נישט סאסנאָוויצע. איך האב ממש געזען פאר מיינע אויגן ווי „ראדאמסק ווערט צעריסן״. א לויפנדיקער הירש אין וואלד, אן „אינד״ ווערט צעריסן פון א לייב, פון א לעמפערט. און ווען דער טאטע האט צו מיר געזאגט: „גיי אריבער צום פעטער חיימל און זאג אים ער זאל אהער־קומען און זוך אויף די מאמע״, האב איך דערשפירט אין מיר מיטאמאל דעם ערשטן „סעיף״ פון דער קאסטע, פון דעם אויף טויט און לעבן קעמפנדיקן שבט: „רץ כצבי, גבור כארי, עז כנמר לעשות רצון אביך שבשמים״.

* * *

דער אויפגעוואקסענער בער, אז ער רייסט זיך אפ פון דער קייט, וואהין לויפט ער? אין טיפן וואלד אריין. אין דער בערן־נארע ווילאנג קען ער זיך אייסבאהאלטן און אויסהאלטן? איבערן ווינטער קאן ער נאך זייגן זיין אייגענע לאפע, אבער אז עס וואכט אויף דער בלוי־אויגיקער הימל, דער צעגרינטער פרילינג, ארום א אייגענעם עק צי קאן זיך דען דרייען א בער? . . . און פון לויטער ליבשאפט צעקוועטשט דאך א בער זיינע אייגענע בערעלעך צווישן אומבאהאלפענע לאפעס . . .

„די מעשה פונם בער״, איז א מעשה אן אן עק! טויזנט און איין מעשהלע איז פארפלאכטן אין דעם ערשטן טייל, און אינם צווייטן טייל האף איך ווייטער זי׳ צו שפינען און פלאָנטערן, אראפוויקלען א קנויל פון מיינע פינגער און שפילן מיט אים . . . דאס קומענדיקע קאפיטל, „גזע און ירושה״ — אזוי איז אויך דער נאמען פונם פארטראַכטן דריי טייליקן בוך, — איז נישט דאס שלוס קאפיטל פונם ערשטן טייל, נאר דאס שליס־קאפיטל צווישן דעם טייל געווידמעט די היים פון מיין מאמע טשעלאַדזש, און דעם צווייטן טייל, די היים־שטאָט פון מייט טאַטן — טשענסטאָכאָוו.



יצחק ראזנבערג

## חורבן בית מקדש

שלמהס ברענענדיקער צארן,
ווו שלאפסטו? זע,
דער בנין וואס דו האסט געבויט,
זע, ווי דער הימעל איז רויט!

אדער איז דאס די זון אזוי אראפ?
דאס צעשמאלצנע גאלד דא איז וואס?
דער דונערדיקער פייער וואס בלאזט,
און דער רויך וואס ציט זיך פארביי?
דער גרויסער מלך שטארבט איצט אויפ׳ס ניי.

זיין חלום צעשווימט אין דעם רויך.
זיינע טעג לאזט ער ניט פארביי,
זיין בנין איז צעקלאפט און פארברענט,
ווי דאס גראז אין די צעבראכנע ווענט —
אוועק, ווי זיין לעצטער זיפץ.

פון ענגליש איבערזעצט, יוסף לעפטוויטש

דשזאויס קילמער

## ביימער

כ׳גלויב, כ׳וועל קיינמאל ניט זען אזא ליד,
וואס איז שיין אזוי, ווי א בוים;

א בוים, וועמענ׳ס הונגעריק מויל איז צוגעפרעסט
צו דער זיס־פליסנדיקער ברוסט פון דער מאַמע־ערד;

אבוים, וואס קוקט ארויף צו גאט דעם גאנצן טאָג
און שיקט צו אים ארויף מיט זיינע בלעטערדיקע אָרעמס, א תפילה
אין דער הויך;

א בוים, וואס טראָגט פאַר פויגעלעך א נעסט
איין זיינע האָר, ווען זומער קומט;

אויף וועמענ׳ס בוזעם שניי ליגט ווינטער־צייט,
און רעגן איז מיט אים אַלעמאָל אינטום;

א נאר, ווי איך, קאָן שאַפן א ליד,
נאר גאָט אליין קאָן שאַפן א בוים.

יידיש יהושע ריוועז

ש. טענענבוים

## איך ביך אלט

איך בין אַלט מיט מײַן טאַטן.
איך בין אַלט מיט מײַן קלײניטשיקע מאַמען.
איך בין אַלט מיט מײַנע עלטערע ברידער.
איך בין אַלט מיט מײַן גאַנצער משפחה.
איך בין אַלט מיט מײַן גרײַז־גרויען פאָלק אַן אײַנגעהילטס אינם הימל
און אין קלײד פון בלוטיקע געשיכטע.

איך בין אַלט מיט די גופים פון אַלע דורות.
איך בין מורא׳דיק אַלט מיט דער גאַנצער ערד.
איך בין אַלט מיט גאָט, מיט די חיות און עופות.
איך בין אַלט מיט די גרויע וואָלקנס און מיטן שוועבנדיקן אוניווערס.
איך בין אומענדלעך אַלט מיט גרויער און אַלטער צײַט.
איך בין אַלט מיטן ים פון דער אײביקייט אַלײן.
איך בין טרויעריק און פינצטער אַלט מיטן מענטשלעכן טרויער.
איך בין אַלט מיטן וויסטן יאָמער פון מײַן מענטש אין מײַן פלײש.
איך בין אַלט מיט די געזאַלצענע טרערן פון מענטשן ערב זײער
טונקלען שטאַרבן.

איך בין אַלט מיט געליבטע, מיט ווײַב, מיט געשלעכט און מיט ליבע.
איך בין אַלט מיט מײַנע אײַזערנע בײנער וואָס בענקען צו נאַכט און
רו און אײביקייט.

איך בין מורא׳דיק אַלט מיט דער געוואַלטיקער עלטער פון אַלע זאַכן
אין אוניווערס . . .

מ. מינדל

## אונזער קולטור-פראנט

דער קולטור־מצב פון יערן יידישן ישוב שפיגלט זיך תמיד אפ אין דער פרעסע, וואס אזא ישוב פארמאגט. און ווען עס קומט אן אהער א יידישע צייטונג פון אויסלאנד, זעען מיר ווי די דארטיקע קהלות לעבן, וואס פאר אן אינסטיטוציעס דארטן געפינען זיך, וועלטלעכע און רעליגיעזע. צי עס עקזיסטירן דארט ביבליאטעקן, שולן וואו יידישע קינדער באקומען אונטערריכט אויף יידיש, טעאטערן, קאנצערטן און ביכער־פארלאגן און נאך אנדערע אינסטיטו־ ידיש, טעאטערן... 

בײ אונז אבער איז אויף אט דעם געביט, ליידער, אלץ שוואך. בלויז איין מאל א וואך האבן מיר א צייטונג אויף יידיש. פון צייט צו צייט טרעפט זיך, אז א גאסט קומט צו אונז אהער אדער עס ווערט אביסל לעבעדיק צוליב עפעס א געשעעניש. באלד נאך דעם ווי דער גאסט פארט אוועק איז שוין ווידער שטיל, ממש ווי אויף א בית־עולם.

דאך עקזיסטירן בײ אונז אפיציעל אדער פארמעל אייניקע אינסטיטוציעס. למשל, מיר האבן די אדלער האל־ביבליאטעק, וואו עס קומען אויך פאר קאנצערטן יעדע וואך. אבער דאס איז אן אינסטיטוציע באשרענקט מיט רעליגיעזע סטאטוטן. מען קען דארט נישט ריידן פריי וואס מען וויל און זיכער קען מען דארט נישט אנפירן קיין פראגרעסיווע טעטיקייט.

צווייטנס, האבן מיר דעם ארבעטער־רינג, וואס מיט יארן צוריק האט ער אנגעפירט א פארצווייגטע טעטיקייט. איצט אבער זענען די מיטלען שטארק באגרענעצט, אויך האט מען מער נישט די באקוועמלעכקייט פון אמאל. היינט־צו־טאג פארמאגט דער ארבעטער־רינג בכלל נישט קיין זאאל פאר גרעסערע מיטינגען אדער אונטערנעמונגען. דערצו איז נאך דא דאס פראבלעם וואס די מיטגלידער וואוינען צעזייט איבער גאנץ לאנדאן, אזוי, אז עס ווערט ממש שווער זיך צוזאמענצוקומען, איבערהויפט פארן עלטערן עלעמענט, פון וועלכן די מערהייט מיטגלידער באשטייט איצט. געוויס האבן מיר נאך צאל קולטור־עקשנים, וועלכע באמיען זיך אויפצולעבן עפעס פון דער אמאליקער טעטיקייט. די פראגע איז אבער צי קען מען עס דערגרייכן און אויף וויפל?

דריטנס, האבן מיר דעם יידישן וועלט קאנגרעס, דעם שרייבער־פאַריין און ייוו״א. אודאי זענען מיר דאנקבאר פאר דעם וואס זיי אלע צוזאמען טוען דא, עס איז אבער נישט קיין סיסטעמאטישע קולטור־דערציערישע טעטיקייט אין פולן זין פון ווארט.

פערטנס, האבן מיר דעם פאריין „פריינט פון יידיש־לשון", וואס ארגאניזירט ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס יעדע וואך, א וועכנטלעכן סעמינאר פאר יידישער קולטור במשך פון די ווינטער־חדשים, אונטערן פארזיץ פון דעם דיכטער א. נ. שטענצל, וועלכער איז אויך רעדאקטאר פונם חודש־זשורנאל „לשון און לעבן". ארויסגעבן אזא ליטערארישן זשורנאל דא בײ אונז אין לאנדאן הייסט ארבעטן איבער די כוחות. און עס איז ממש מיט נסים, אז דער רעדאקטאר האט צו באצאלן דעם דרוקער יעדן חודש . . . „פריינט פון יידיש־לשון" ארגאניזירן אויך פון צייט צו צייט באנקעטן פאר שרייבער צו זייערס א יובילעאום אדער צום דערשיינען פון א נײ בוך, יידישלעכע קאנצערטן טאנץ־אווענטן.

חוץ־מזה, עקזיסטירן נאך אייניקע גרופירונגען, ווי די פועלי־ציון קולטור־געזעלשאפט און א פערטל־יאר שריפט, וואס חבר זאנטאג גיט ארויס ווי אויך מלווה מלכהס, אויף וועלכע מ׳האלט דרשות אויף יידיש און מ׳זינגט יידישע לידער אדער מ׳דעקלאמירט; די מלווה־מלכהס קומען פאר, נאטירלעך, אין שולן.

אט דאס איז מער־ווייניקער אן אביעקטיוו בילד פון אונזער יידישן ישוב דא.

ווי אבער לעבט דער ייד, וועמעס לשון איז ענגליש? און דא אנטפלעקט זיך שוין פאר אונז א גאנץ אנדער בילד. פארמאגט דאך ענגלאנד א רייכע קולטור, מיט וואונדערלעכע שולעס, אינסטיטוציעס, קונסט־גאלעריעס, מוזעאומס, א געוואלדיקע ליטעראטור, טעאטערן, פילמען און כלערליי ספארט־ארגאניזאציעס פאר דער יוגנט.

די בילדונג דא הויפט זיך אן מיטן זעקסטן יאר אינם לעבן פון א קינד און דויערט, קען מען זאגן, דאס גאנצע לעבן. טא איז עס דען א וואונדער

אויב עס קומט אן אזוי שווער צו פאראינטערעסירן אפילו דעם בעסטן יידישיסט צו גיין אויף אן ארעמען קאנצערט בעת ער האט עס אלץ אזוי רייכלעך און אטראקטיוו אויף ענגליש ?

פארוואס זשע זענען מיר אזוי ארעם ? פשוט דערפאר וואס עס איז ממש אוממעגלעך זיך צו פארגלייכן מיט דער ענגלישער קולטור־עשירות !

אבער נאך אלעם האבן מיר דאך נאך א גרויסע צאל יידן, וועמען דאס יידישע ווארט איז ליב און טייער ; וועלכע ווייסן ווי צו שעצן אונזערע קלא־סיקער : מענדעלע מוכר־ספרים, י. ל. פרץ, שלום־עליכם, ביאליק, משה נאדיר ביז קולבאק.

שפילט מען א יידיש שטיק אויף ענגליש, ווערט עס אויפגענומען מיט ענטוזיאזם מצד אלע יידן. דאס פינטעלע ייד איז לעבעדיק ביי אלעמען. מען דארף בלויז וויסן ווי צוצוקומען צו די ענגליש־געבוירענע יידן, כדי צו וועקן ביי זיי א פאראינטערעסירונג אין יידישן פאלקלאר און לעבן און זיי צו באקענען מיטן אוצר פון אונזער קונסט און ליטעראטור.

מיר נויטיקן זיך אין אן אייגענעם קולטור־צענטער, ווי עס איז דער פאל אין קאנאדא, ארגענטינע, בראזיליע, אויסטראליע און אין אנדער מקומות. אזא צענטער וואלט געדארפט אנטהאלטן אין זיך א טעאטער, קלוב, א טאנץ־זאאל, גימנאסטישע איבונג־זאאלן און פאר ספארט, אן ארקעסטער און א שולע, וואו מ׳זאל קענען געבן יידישע קינדער אונטעררכט אויף יידיש און אנדערע ענינים.

אודאי פאדערט אזא צענטער א גאר גרויסן ביודזשעט. פארוואס אבער זאלן אונזערע רייכע לאנדאנער יידן זיך נישט באשטייערן לטובת אזא אינסטי־טוציע פאר זייערע ברידער, בעת זיי באשטייערן זיך דאך יאר איין יאר אויס לטובת אנדערע צוועקן און נישט דווקא יידישע . . .

די רעליגיעזע יידן פארשטייען די וויכטיקייט פון דעם געדאנק גאר גוט, ווי מיר קענען עס זען ווי זיי בויען שולן, סינאגאגעס און צענטערס, כדי אפצו־היטן די יוגנט פון אסימילאציע. פארוואס זאלן מיר נישט אויפטון ענלעכעס אויף אונזער אופן ?

מען וואלט דעריבער געדארפט אנהויבן מיט ארגאניזירן א פאלקס־פארזאמלונג און אויסארבעטן עפעס א פלאן. ביטלער האט אמאל געחלומט דערפון, אפשר זאל מען היינט דערמיט אנהויבן ? עס איז גאנץ גריילעך, אז עס וועט זיך איינגעבן. ווען דאס גיט זיך באמת איין, וואלט לאנדאן געווארן איינער פון די יידישע קולטור־ישובים ; און מיר וואלטן געוועזן ביכולת בייצוטראגן אונזער חלק צום יידישן וועלטלעכן קולטור־לעבן.

## פערל מרגליות ע.ה.

אונזער טיפן מיטלייד צו ווילי מרגליות און עליזה שלווי צום פלוצלינג טויט פון זייער מוטער פערל מ[illegible] אלמנה פון בן ציון מרגליות) ע.ה. אין ירושלים. זאלן זיי זיין באהיט פון צער.

„לשון און לעבן“

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאגס

אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אזייגער

שבת, דעם 22׳סטן דעצעמבער — א חנוכה פראָגראַם.

שבת, דעם 29׳סטן — מענדעלע מוכר־ספרים — צום 136 געבוירן טאָג.

238

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 375) — פיר און צוואַנציקסטער יאָר — יאַנואַר 1963 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

ה. לייוויק, *** ... *** 1
אין פייער (ליד) ה. לייוויק ... 2
לייוויק ע״ה (עסיי) ... י. ביעטש 3
פון בוך „הינטערן שלאָס“ (ליד) ה. לייוויק ... 4
לייוויק האַלפערן ע.ה. (עסיי) ... משה דאָמב 5
יהשע פאַדרא (עסיי), מיין טלית (ליד) ... יוסף לעפטוויטש 7
נישט פון לאָנדאָן (מכוח דעם „יידיש־סימפּאָזיום“) ... מ. אלמאן 11
די ערשטע שפּאַלטונג פון רעליגעזן יונטום (עסיי) ... י. ריכטיגער 12
10 שניי סאָנעטן, גזע און ירושה (פראָזע) ... א. נ. שטענצל 16
אָנגעפולט מיט צער (ליד) ... שמואל וואהייט 33
נאָך דער לוויה (פּאָעמע) ... ב. ביאַלאָסטאָצקי 34
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

## פרייז 2 שילינג

**אבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאָר א יאָר**

**אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר א יאָר**

**אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—**

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

---

אין בן־אורי, בערנער סטר. 14 וו.1.

זונטיק, דעם 27 יאַנואַר, 8 א זייגער

## דאס יידישע שאפן אין סאוויעט רוסלאנד

עס באַטייליקן זיך א. פּאַלושאַק, מ. מינדעל, עלעקוואַטערמאַן. לייענען וועלן: אייזיק גאָלדבערג, בעלא ווינער, נעט רובין און י. ביעטש.

## קומענדיקן חודש 20 יאר פריינט פון יידיש לשון

דער קומענדיקער נומער לשון און לעבן וועט זיין געווידמעט דעם 20 יאָר פריינט פון יידיש לשון—פעברואר 1943 איז געגרונדעט געווארן אונזער פעראיין פריינט פון יידיש לשון.

---

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*